גיז — 1

געז — 1.

?נ? ג ע ז – די, בא. (אם, נא) גאַז, ברענגאַז.

1928 " דזשייק איז אַריין, אַ בורטשע געטאַן, פֿאַר

וואס סעם האָט ניט אָנגעצונדן די געז". 4

אַפּאַטאַשו, 6, 87.

3 - 2 - 3(?) ג ע ז אָ ג   דאָס, בא. (שנש) דאָס דויערניקע זאָגן,

דאָס זאָגן פֿון אַ סך מענטשן.

> רעד: (אין קאַרטל איז דאָ אַן אַנווייז אויף לייוויקן,
>
> אָבער אין אַ ציטאַטע) ~~און אַן מקור)~~

|| געזאַגעכץ - דאָס, בא. (שלש) עפּעס וואָס איז געזאָגט

געוואָרן, אַ סך רייד.

1939 " אַלעס רעדט אויף אַ מאָל... יעדער וויל איר

געזאַגעכץ פּטרן און אָפּדערציילן". אַפּשאָן. 39

1970 " געמיינע לייט |...| כאַפּן זיך אוודאי אָן אין

יעדן געזאַגעכץ, אַבי צו פֿאַרטרייבן די מרה=שחורה". 42

פּרק 9

י. אַקרוטני, ~~זש' איק~~, פּסח=גומער, ז' 48.

געזאַגעריי - דאָס, בא. דזוו דפוו.

1912 " די בחורים פֿון טעפּלער נעמען זיך צום עסן..

שטייט אויף ייִדן, - ווערט אַ געזאַגעריי. 44

מענדעלע, 24, 56.

## געזאָגט - פאַר פון זאָגן.

אויף דיר (אויף אים/אויף אונדז) געזאָגט געוואָרן -

ווינטשעוואַניע ביַים דערמאָנען, זען אַ געוויסע זאַך.

% אויף אונדז געזאָגט געוואָרן, וואָס פאַר אַן עשירות יענער

פאַרמאָגט.

ווען איז דאס געזאגט געוואָרן? (אַז, אויב...) - פראַזע,

ווערט געזאָגט, ווען מען רעכנט אויס אַ געוויסן באַדינג,

אומשטאַנד, וואס איז נייטיק, אַז אַ געוויסע זאַך זאָל

זיַין רעאַל. % דער שידוך איז טאַקע אַ גוטער, אָבער

ווען איז דאס געזאגט געוואָרן? - ווען דער מחותן

וואָלט ניט געפאָדערט אַזאַ גרויסן נדן.

4 — ?גי

?נ?    ג ע ז אָ ג ן - טרוו. (איר? עלט?) זאָגן.

1926 " דער מוח האָט זיך געהויבן איבער די אותיות,

...| זיך געגעסן, אַז נישט אַזוי דאַרף מען זאָגן אַ

בלאַט גמרא, און אויב ער געזאָגט שוין יאָ, פּלאָנטערן

זיך ביידע מחשבות". אפּאטאשו, 13, 29.

רעד: כ'האָב אַ חשד, אַז ס'איז סתם אַ גריַיז, צי פֿון בוך צי פֿון אויסשריַיבער...

|| <u>געזאגן</u> - <u>פֿאַדי</u> |<u>געזאָגענע(ר)</u>| דער/דאָס וואָס איז
געזאָגט געוואָרן.

1919 " פֿלעגט ער זאָגן אַ <u>געזאָגענער</u> |...|. ברידער,
מע דאַרף נישט קיין העמד אויפֿן לײַב". 36
<u>נאַדיר, 1, 73.</u>

<u>רעד:</u> אַ ספֿק צי מע דאַרף געבן דאָס וואָרט - ס'איז
פֿון נאַדירס באַרימטע אויסטראַכטענישן.

ם <u>גיזאגן.</u> <u>אה"ד:</u> gisagen

... " דא בט המן אונ' בט אל דש ער מוכט <u>גיזאגין</u>".
<u>מגילה-ליד, ש' 1102.</u> 37

1544 " דא שפראך דער העלד אבנר צו דער זעלבן גישיכט.
// איך קאן אויכש ניט <u>געיזאגן</u> איך וויש דער 35
ווארהייט ניכט". <u>שמואל בוך, סטראפע 373.</u>

6 – 5ער

ם |געזאָד| ג י ז ו ד – דאס. אַ געקעכטס.

1610 "ויזד אונ' ער זוד יעקב איין גיזוד".

טײַטש=חומש, בראשית, כה – כט. 51

7 - געז

ג ע ז אָ ד ן - ←---- <u>געזאָטן</u>.

8 – גזט

ג ע ז אָ ט – דער/דאס. באַ. (שנש) דאָס זידן, זידעניש.

1924 "פֿון זײַן מויל נעמט מיט געזאַט אַ װײַסע שינאה שפּריצן". |מאַרקיש?| זב ~~כאַליאַסטרע~~, ז' 65.

פֿון 100

50

ג ע ז א ט ל ט - אדי/אדור. וואס טראגט אויף זיך א
זאטל.

1876 " האט זיך מיר געדוכט, דאס עס שטייט לעבן מיר
איין געזאטלטער פערד, און איך בין אויף אים 54
ארויף". דיק, 53.

1900 " |...| פארן טויער דארט וועסטו טרעפן שטיין
אן אנגעשפאנט, א געזאטלט פערד, זאלסטו דיך 53
ארופכאפן אויף דעם פערד און זאלסט רייטן".
אנ. דער מבשר ישועה, ז' 24.

1941 " און ער איז אויפגעשטאנען און איז אוועק |...|
און מיט אים א פאר געזאטלטע אייזלען". תרגום יהואש, 57
שופטים, יט - 10.

10-54

געזאטן - 1. פאר פון זידן, פפ (זן) געזאדן.

2. פאדי, (וועגן א פליסיקייט) וואס איז אנגעווארעמט
געווארן צו א גראד ווען די פליסיקייט הייבט אן
אריבערגיין אין דאמף". % געזאטענע וואסער.

1850 " אז מען וויל האבין אז עס זאל קיין קנאביל
פון דעם מויל ניט שמעקין זאל מען נאך קנאביל עסין 64/68
איין גיבראטנים זיסין באריק אודר ביב גיזאטינים".
תעלה ארוכה, ז' 19.

1935 " ער האט |...| אריינגעכמאליעט א טאפ סמעטענע,
א שיסל ווארעניקעס, א צענדליק געזאטענע פאפעשויעס". 61
מ' אלטמאן, 2, 99.

3. (פיג) היציק, טעמפעראמענטפול.

1974 " צוליב וואס שפילט זי זיך מיט אן איידל
געזאטן לשון |...|?". עלבערג, 1, 178. 70

7 <u>געזאָטענע בייגל</u> - "בייגל וואָס מען פּלעגט אַרייַנלייגן רויערהייט אין זודיק וואַסער, נאָך אַ שטיקל צייַט ערשט האָט מען די בייגל אַרייַנגערוקט אין באַקאויוון"|<u>קסוו</u>|.

<u>געזאָטענע/ אַרבעס</u> - "אַלטער אַרבעס, אויסגעזאָטן און קאַלט געגעבן "פרייַטיק און שבת נאָכן עסן, מע פּלעגט אים באַשיטן מיט פּעפּער"|<u>קסוו</u>|.

1935 " זיי עסן <u>געזאָטענעם אַרבעס</u> // און טונקען אין ביר די בערד". <u>מאַנגער, 4</u>. 66

.2 <---- ם

66

1541 " מן זיצט זיך נון צו דין טישן // קושטליך ביגונד מן אויף צו טרגן// <u>גיזוטן</u> אונ׳ גיברוטן הינר אונ׳ וישן". <u>בבא=בוך, 108, 2 - 4</u>. 63

1686 1697 " |...| פאר דעמפּפּט דאז בראטל אונ׳ גוטן ויין // גיברוטן פלייש אונ׳ אך <u>גיזוטן</u>". <u>ס׳ משלים, דף נב - ז</u>. 59

1748 " מן דארף ווייטר קיין משקה טרינקן נאך דיא (ארבע כוסות) אבר וואשר דארף וואול טרינקן אפילו <u>גיזאטן</u> וואשר". <u>סידור תפילות, דף קמח - זז</u>. 72

ג ע ז אַ כ ט - פֿאר פֿון זאכן.

ג ע ז א ל ב ט - 1. פאר פון זאלבן.

2. פאדי. (אגן) געשמירט מיט זאלב. % די געזאלבטע
וווּנד האט זיך גיך פארהיילט.

3. פאדי. באשטימט (געהייליקט, געקרוינט) פאר א קיניג,
הערשער, נביא דורך דער צערעמאָניע פון זאלבן דעם קאָפּ.

"[גלנהוג אױף ײד] אזוי ווי מיין געזאלבטער דוד המלך האט געבעטן
אין תהילים: 'לאז מיך וויסן דעם וועג פון לעבן'". 92

חובות הלבבות, 4. 63. [ציטאטן־מאטעריאל]

... " בין איך ניט דער <u>געזאַלבטער</u> פֿירשט?// האָסטו
ניט אויף מײַן קאָפּ אַ מאָל // אַרויפֿגעדריקט די קרוין, 83
מיך בענטשנדיק// אין נאָמען פֿון ישׂראל?".
<u>יהואש, ליד "שאול"</u>.

1939 " די צדיקים זאָלן זיך פֿרייען |...| מיט דער
ווידעראויפֿשײַנונג פֿון דאס ליכט פֿון דײַן 81
<u>געזאַלבטן</u> זון פֿון ישי". <u>איבז זאלקינד, כט/א, 107</u>.

4. <u>סובסטאַנטיווירט</u>. <u>דזוו דפֿוו</u>.

... " דאָס בוך |שיר=השירים| האָט געזאַלט |...|
פֿאַרניכטעט ווערן |...| איז אַבער אַרויס אַ בת=קול: 90
אל תגעו במשיחי! רירט נישט מײַנע <u>געזאַלבטע</u>!".
<u>פּרץ, 4, 79</u>.

1908 " ווי קען איך דאָס אַן ווײ, אַן שרעק דערמאָנען?//
אויף דײַן <u>געזאַלבטנס</u> אָרט זע איך אַצינד |...|". 89
<u>ראָזענפֿעלד, 2, 174</u>.

רעד: דערגאַנצן דעם סוף פֿון דער ציטאַטע.

1941 " און דערהייבט דעם האָרן פֿון זײַן <u>געזאַלבטן</u>".

<u>תרגום יהואש, שמואל א, ב - 9.</u> 93

5. <u>(ספּעציעל)</u> משיח בן דוד.

1948 " ס'וועט קומען די צײַט |...|, וועט אַ חופּה

וועט געפֿירט ווערן צום הייליקן באַרג, |...| 93/א

חכמים פֿון דער וועלט און צדיקים מיט קרויבען

אויף קעפּ |...| וועלן האָבן דעם <u>געזאַלבטן</u> אין דער

מיט, און די גאַנצע וועלט וועט זײַ נאָכגיין".

<u>גסתר, ~~משפּחה מאשבער~~, 6, 79.</u>

1960 " דער פֿון גליל איז פֿאַר אים געווען נישט מער,

אָבער אויך נישט ווינציקער, ווי דער <u>געזאַלבטער</u> 88

גואל פֿונעם יידישן פֿאָלק". <u>ניגער, 10, 290.</u>

6. (פיג) פארהייליקט, הייליק, משיחיש.

1948 " יעדער צדיק מיט די וועלבע האבן זיך |...|
געשפייזט פון זיינע געלייטערטע און געזאלבטע 93/6
מעשיות". נסתר, 6, 79.

1948 " א טאג א געזאלבטער, פון זיך אליין געטלעך,
// א טאג פון חרטה און ברוך=השם". סעגאלאוויטש,160,12. 100

1973 " ווידער האט זיך געטראגן א ליכטיק ווייסער
שטויב און א דארשטיקער צוגעפאלן צו די געזאלבטע 93/ג
שטיינער |פון כותל המערבי|". סוצקעווער, 7, 155.

■---> 4.

1541 " גיין שפראך זיין הער דוד לוש דר בון.// ער
ווישט גיזאלבטר גוטש מיר ווען אים ניכטש טון". 87
שמואל=בוך, סטראפע 669.

1610 " ער הוט גיגרושט הילף זיינש קיניג אונ׳ ער

94 טוט גינוד צו זיינם <u>גיזאלבטן</u> צו דוד אונ׳ צו זיינם

זומן איביקליכן". <u>טייטש=חומש, למואל ב׳, כב - נא</u>.

1713 " איר זאלט ניט אן רירן אן מייני <u>גיזאלבטן</u>

85 אונ׳ אן מייני נביאים זאלט איר ניט איבלן".

<u>מחזור, 1, דף י׳ - II</u>.

געזאַלט - 1. פֿאַר פֿון זאַלץ.

2. פֿאַדי. וואָס האָט געזאַלט (געדאַרפֿט) זײַן, כּלומרשט, ניט פֿאַראַנענע.

1947 " אויפֿן גליטש אַפֿילו פֿון געגאַלטער באָרד // טרוימט ער גרײַזלדיק פֿון דער געזאַלטער באָרד". לעיעלעס, 4, 233. 104

1948 " זי איז פּופּציק, ער איז זעכציק, // בײדע לעבנס - אַ דיעטע. // בלויז געוואָלטע, בלויז געזאַלטע, // בלויז געגאַשטע, ניט געזעטע". לוצקי, 3, 151. 103

גען - ס.

געזאַלין - דער, באַ. (אַמ. גאַ) בענזין, ברענשטאָף פֿאַר אויטאָמאָבילן.

1930 " דער אייביקער טומל פֿון די מאָטאָרן, די גיפֿטגאַזן פֿון געזאַלין |...| פֿאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ גהינום". 108

איינהארן, 7, 111.

1956 " געעיפֿושט מיט אַלט אייזן, געזאַלין און געלט".

גלאַטשטיין, 1, 107. 107

ג ע ז א ל ע ט  –  אדי. 1. געוואשן מיט זאלע (אש).

2. (גארבערײַ. וועגן פעל) באארבעט מיט א קאלך=צעלאזונג
כדי אפצורייניקן פון דעם וואל, הערעלעך.

1934 " הערט זיך איבערן גאנצן צימער דער שארפער
ריח פון געזאלעטע פעל". אראנסקי, 1, 202. 110

?נ? ג ע ז אָ ל ץ - דאָס, בא. (שנש) דאָס גאַנצע זאַלץ,

די גאַנצע געזאַלצקייט.

1961 " כ׳האָב טועם געווען // דאָס געזאַלץ פֿון די ימען".

111 ג. פרייל, אַנטאָלאָגיע, פּער 24, 379.

ג ע ז אַ ל צ ט — פֿאַר (פּפֿ) פֿון זאַלצן.

22/1 גלא – גלם.

ג ע ז א ל צ ן I – פאר ( פפ ) פון זאלצן.

23 — 𝔊

גע זאַ ל צ ן II - אדי/אדוו. |געזאַלצענער, געזאַלצענע|.

1. (וועגן שפּייזן) צוגעפּראַוועט מיט זאַלץ צוליב טעם
(אָפּט אין דעם זינען, אַז ס'איז צו פֿיל זאַלץ לויטן
געשמאַק פֿון דעם עסער). די קעכין פֿאַרזוכט די זופּ
צי ס'איז גענוג געזאַלצן. די יויך קען מען ניט נעמען
אין מויל אַרײַן, אַזוי געזאַלצן איז זי. דער דאָקטאָר האָט
איר פֿאַרבאָטן צו עסן געזאַלצענע מאכלים.

1916 " |...| אַן געפֿעפֿערטע פֿיש און בריִענדיקע לאָקשן=
מיט=יויך, |...| און אַן גרויסע געזאַלצענע |...| בלינעס". 144
זילבערבוש, 1, 128.

1936 " |...| האָט ער געמוזט אַ זאַך זויער געזאַלצענעם
באַרשטש אויסזופּן". שטיינבאַרג, 3, 16. 142

1964 " |...| איז גוט געווען אָפּצופּרישן די נשמה
מיט אַ געזאַלצענעם פּיקל, |...| אַ בייגל מיט לאַקס". 140
ח. איאלט, ~~ווש איק~~, ר"ה=גנומער, ז' 54 - II.
פּרק 9

2. קאָנסערווירט/צוגעגרייט אין אַ זאַלץ=צעלאָזונג
(שפּייַז). געזאַלצענע % שוואָמען. ער האָט ליב
געזאַלצענע איילבירטן. געזאַלצענע הערינג מיט
קאַרטאָפל איז אַ גוט מאכל.

1818 " (חוץ) אוס גנומיך (מן המליח הישן) איין אלט
גזאַלצניר פיש". איבז, תקוני שבת. 133

1943 " ביי די ווייניקער פּאַרמעגלעכע |הענדלער|
הענגען |...| געזאַלצענע פישלעך אויף אַ שטריקל,
אַ בינטל בייגל |...|". נסתר, 3, 66.

3. (ספּעציעל וועגן פּלייש) באַשיט געדיכט מיט זאַלץ
(פֿאַרן קאָכן און אויסווייקן) צוליב כשרות.

1863 " ווען פּלייש ליגט שוין אַ פּאָר טעג ניט געזאַלצן
און שבת אין דער דריטער טאָג, טאָר מען עס ניט אָפּגיסן".
<u>דאַנציג, 2, דף נט/א.</u>

4. וואָס האָט אין זיך זאַלץ. % געזאַלצענער ים.
אין באָדן איז דאָ געניג וואַסערן, אָבער זיי זײַנען
געזאַלצענע.

1885 " צו יעדנס פֿאַרוווּנדערונג האָט ער געמאַכט אַ
סנאַריאַד |=אײַנריכטונג, אַפּאַראַט| אויף איבערקאָכן 122
די געזאַלצענע וואַסער |פֿון ים| אויף גוטער, מען זאָל
זי קענען טרינקען". <u>איבן ראַווינסקי, 1, 62.</u>

1966 " ער האָט איצטער פֿאַרזיכטיקער אַ טרייַב געטאָן די

קאַר |=אויטאָמאָביל| און זי איז גאַנצן אָפּגעשטעלט 118

|...| ניט ווייַט פֿון די <u>געזאַלצענע</u> וואַסערן".

פּרק 69

<u>שניאור, ~~צ' [illegible]~~, V/1.</u>

5. וואָס האָט (דערמאָנט) דעם טעם פֿון זאַלץ (וועגן טרערן,

שווייס, בלוט). % <u>געזאַלצענע</u> טראָפּנס רינען אים

אַרייַן אין מויל פֿון עם פֿאַרשוויצטן פּנים.

1907 " שטילערהייט רוף איך די מאַמע און פֿיל ווי

נאַסע טראָפּנס קאַטשען זיך מיר איבער די באַקן, פֿון 118/א

די באַקן אין מויל אַרייַן. די טראָפּנס זענען <u>געזאַלצן</u>".

<u>שלום=עליכם, 8א, 79.</u>

1975 " אַז כ'וועק מיך אויף, שפּיר איך |...| דעם

<u>געזאַלצענעם</u> טעם פֿון אירע טרערן". <u>באַשעוויס, 47, 6.</u> 118/ב

6. (<u>פֿיג</u>) שייַכדיק צו געזאַלצענע זאַכן.

1949 " אויך זייער מסחר איז געווען אַ שאַרפֿער און אַ

געזאַלצענער, זיי האָבן געהאַט גרויסע סקלאַדעס מיט 119

נאַפט און הערינג". י.י. טרונק, 6, 273.

7. (פֿיג, וועגן רייד) שאַרף, ווּלגאַר, גראָב.

% געזאַלצענע וויצן, אַנעקדאָטן.

1934 " ער שיט דאָס |זיין דערציילן| איבער מיט געזאַלצענע

סאָלדאַטישע ווערטלעך". ברעגמאַן, 2, 227. 161

8. (פֿיג) ביטער, ניט געשמאַק, ניט אײַנגענעם.

1939 " |...| נעמען אָן פֿאַר אַ געזאַלצענעם געלעכטערל".

שניאור, 4, 100. 117

> רעד: פֿון דער ציטאַטע איז ניט קלאָר דער באַטײַט, קען
> זײַן אַז זי האָט גאָר אַ שייכות צום באַטײַט 7.

9. (פּיג) אומעטיק, שלעכט (וועגן געמיט).

1948 " געוועזן איז געזאַלצן און ביטער...// וואָס נאַך
וועט דער פּליט דערלעבן?". סעגאַלאָוויטש, 9, 31. 135

10. (פּיג, שגל, סובסטאַנטיוויִרט) הערמאַן געריִנג, על=פּי
פּרק 90
אַסאָציִאַציִע מיט הערינג. |בלומענטאַל, ~~דש' ירשפּ~~ XVIII-3 ,1958|.

|| געזאַלצנקייט — די, בא. אייגנקייט אָדער מצב
פון זײַן געזאַלצן. % די געזאַלצנקייט פון אַלע מאכלים
האָט איס גורם געווען האַרץ=ברענעניש.

1972 " מיך ציט ניט אזוי די זילבערנע געזאַלצנקייט,
ווי די זיסע ליבע ווערטער פונעם העלד אָדער העלדין 157
פּרק 38
אין צײַטונג=ראָמאַן". סוצקעווער, ~~דש' גק~~, נ' 76, ז' 67.

29 געזאַלצענערהייט – אדור. אין צושטאַנד פֿון זײַן געזאַלצן.

1924 " זײַ | די פֿישלעך | ווערן געברויכט אין גרויסע
מאָסן געזאַלצענערהייט | ... | אָדער גאָר מאַרינירט". 163
איבן איסעל, 1, 123.

פֿפֿ: געזאַלצן: ווי הערינג, ווי לאַקס, ווי ראַפּע,
ווי טרערן, ווי לוטס ווײַב, ווי דער ים=המלח,
ווי בײַ מיר אויפֿן האַרצן, ווי אַנגעזאַליעט.

געזאַלצענער פּרײַז – צו הויכער, גוזמאַדיקער, מער וויפֿל
ס'קומט.

1867 " נאָך אַלעמען | ... | זע איך נישט אײַן, ער | דער
בעל=טאַקסע | זאָל קענען היזק האָבן. | ... | ער גיט 151
אַ געזאַלצענעם פּרײַז". ~~צ' קמ,~~ פּעק 177 נ', 46, ז' 345 – II.

1949 " האָבן די שנײַדערס גענומען געזאַלצענע פּרײַזן,
ווען ס'איז אויסגעקומען צו מאַכן שמואל=לייבן אַ 120
קאַפּאָטע". י. י. טרונק, 6, 149.

געזאַלצענער שווימער – (לאָקל, דינאַבורג) אַ געזאַלצענער הערינג.

געזאַלצענער טיש – דער טיש אויף אַ שמחה, אויף וועלכן עס געפֿינען זיך פֿאַרשיידענע צובײַסעכצן געזאַלצענע (אויך אַנדערע), דאָרט זײַנען טועם די געסט איידער ס'הייבט זיך אָן דער גרויסער מאָלצײַט.

געזאַלצענע צרות – גרויסע צרות.

געזאַלצענער ווײַדל – (וואָלג) אַ גרויסער נאַר.

מאַכן (צושטעלן) אַ געזאַלצענעם חשבון – צושטעלן אַ חשבון מיט זייער הויכע, גוזמאדיקע פּרײַזן, מער וויפֿל ס'קומט נאָרמאַל.

פּױל: װאָס דאַרף איך דעם לװיתן? איך האָב אַ באַנדע

מיט געזאַלצענעם הערינג — אַזױ זאָגט מען (איראָניש)

אױף עמעצן, װאָס קלערט ניט קײן סך װעגן יענער

װעלט און באַניגנט זיך מיט װײניק אױף דער

װעלט.

שור: פֿון צװײ קעכינס קומט אַרױס דאָס עסן אָדער געזאַלצן

אָדער גאָר אָן זאַלץ — ס'איז ניט גוט אַז צװײ (אַ סך)

מענטשן פֿאַרען זיך גלײַכצײַטיק בײַ דער אײגענער

זאַך, װײַל יעדער האָט זײַן אײגענע דעה װעגן

דער ארבעט.

גיזאלצן.

1.

1676 " דש איז ניט גינוּיק גיזלצין, דש שטינקט נאך

רויאך, דש איז אך גיברענט". ברנט שפיגל, פרק מג.

געז - [redacted].

2. ←---

1723 " איבער איין <u>גיזאלצן</u> הערונג טאר מן אך קיין הייס

וואשר גיסן". <u>לב טוב, 2, I/74.</u> 134

4. ←---

1739 " איך פר גלייכי דעם (בן=אדם) דער דיזי וועלט

זוכט צו איינם דער דורשטיג איזט אונ׳ טרעפט אן 136

<u>גיזאלצינה</u> וואשיר". <u>ס׳ מבחר הפנינים, דף מא - I.</u>

33 - 5ע

?נ?    ם|געזאַלצן |!!!| ג ז ל צ ן - באַזאַלצן, באַשיטן מיט זאַלץ.

אה"ד: *gizalzen*

... " והמלח - אונ' גזלצן,ל' מליחה". רייכלין 8,

יחזקאל, טז - 3. 113

ג ע ז אַ ל צ נ ס - דאָס, באַ. כולל=נאָמען פֿאַר געזאַלצענע שפּייזן.

1864 " אין דעם ערשטן גאָרטן האָט מען אויפֿגעוואָרט די

פּאָר 177

156 געסט מיט געזאַלצנס צום אַפּעטיט". ~~צ' קמ~~, ג' 34, ז' 534.

1930 " |...| און אַז ער האָט גענומען אַרויסשפּײַען דאָס

155 געזאַלצנס פֿון זײַן מויל |...|". ליוויק,

"דער וואָלף".

................................................

רעד: אָפּזוכן מקור, קאָן זײַן אַז ס'האָט גאָר אַן אַנדער באַטײַט...

................................................

1951 " אין דער דאָזיקער גאַרקאָך האָט מען געקאָנט

154 קריגן פֿאַר |...| 6 גראָשן אַ פֿײַנעם מיטאָג, |...|

פֿאַר אַ גראָשן - געזאַלצנס". דער טונקעלער,

פּאָר 106

~~זב ליטע, 1~~, 1284.

35 — סג

[redacted] - געז

166 ג ע ז א מ ב ע ט - אדי |מארקוּוב 1766|. בנב.

|רעד: אפשר מיינט עס געציינדלט"?|

166/א || געזאמבעטקייט - די, בא. |מארק וּוב 1766| בנב.

36 — גז

ג ע ז א מ ד - דאס, בא. (שנש) אַ סך זאַמד צוזאַמען,
צונויפגעפּיצט פֿון זאַמד.

1957 " האָבן זייַנע פּיס טאָקע געטראָטן אין גילדענעם
167 געזאַמד פֿון לאַנד". ברוסילאָוו, 2, 358.

ג ע ז אַ מ ט – אַדי. (דטשמ) צוזאַמענדיק, צוזאַמענגענומען,
כוללדיק.

1929 " שויין דאָן איז מיר איינגעפֿאַלן דער געדאַנק
צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער צונויפֿשטעלונג פֿון דער 168
געזאַמטער ליטעראַטור וועגן אַנטראָפּאָלאָגיע |...|".
~~ז"ש׳ טאז~~, ג׳ 1 – 2.
פֿער 70

|| געזאַמט=געפֿיל – דאָס, =ן (דטשמ) כוללדיק געפֿיל.

1938 " דער שׂכל באַנעמט בלויז דאָס וואָס איז; די
שטימונג – אָדער דאָס געזאַמט=געפֿיל – דאָס וואָס 170
איז געווען". קאַראַלניק, 1, 274.

38 – גאַ

?נ? ג ע ז אַ מ ט – אדי/אדוו. בנב.

1957 " ס'איז מיר געווען זייער און זייער געשמאַק

171 צו הערן |...| אַ וואָרט וואָס איז געזאַמט געוואָרן

מיט יאָרן פֿריִער". י.י. שניאורסאָן, 2, דף קפ"ג.

39 – געז

געז – [redacted].

ג ע ז אַ מ ל – <u>דאָס / דער, =ען</u>. (<u>שנש</u>) צונויפֿזאַמלונג;

געזעמל (פֿון מענטשן).

1933 " פֿאַר וואָס האָט דער האָרניסט קיין ׳<u>געזאַמל</u>׳

175 דאָ: פֿון סאָלדאַטן צום אַפּעל | ניט געשפּילט?".

<u>גאָדינער, 2, 60</u>.

1947 " עטלעכע מינוט פֿלעגן זיי שטיין בײַם טויער,

174 און באַלד פֿלעגט עס אויסוואַקסן דער זעלבער <u>געזאַמל</u>".

<u>סעגאַלאָוויטש, 11, 229</u>.

40 – גיז

געזאמלט – 1. פאר פון זאמלען.

2. פאדי/פאדוו. איינגעהאלטן, געפאסט, באהערשט (וועגן כאראקטער פון א מענטשן) |סטוטש 509|.

.................................................

ראד: ס׳איז מסתמא א קאלקע פון רוסישן собранный
אבער דארט איז דער באטייט אנדער: קאנצענטרירט
(אויך וועגן כאראקטער).

.................................................

?נ? ם |געזאמענט| ג ז ע מ נ ט. געזאמלט, פאראייניקט.

... " ל"א, אסופות - גזעמנט". רייכלין 8,

179 קהלת, יב - יא. [תי: געזאמלטע].

... " עצור - גזעמנט, ל' אסיפה". רייכלין 8,

177 ירמיה כ - ט. |תי: איינגעשלאסן|.

41 — גיז

**געזאַנג** – דאָס, =ען. 1. אַ ריי קלאַנגען פֿון פֿאַרשיידענער הייך און אינטענסיווקייט, ס'רוב געבונדען אין אַ מוזיקאַלישער גאַנצקייט (מעלאָדיע), אַרויסגעבראַכט דורכן קול פֿון אַ מענטשן, מיט אָדער אָן ווערטער.

% אַ שטיל <u>געזאַנג</u>. פֿריילעכע, טרויעריקע <u>געזאַנגען</u>.

דאָס <u>געזאַנג</u> האָט געדויערט מער ווי אַ שעה. צום מערסטן איז געפֿעלן דאָס <u>געזאַנג</u> פֿון כאָר. די קינדער מאַרשירן מיט <u>געזאַנג</u>.

42

1832 " דייני לוים און דייני חסידים וועלין זינגין
228 זיסי גיזאנג". מחזור, 2, דף צו / א.

1875 " דערנאָך איז ער |דער בעש"ט| געוואָרן איין
305 בעלפער און פלעגט פירן די קינדער אין שול אריין
מיט גרויס געזאנג און פלעגט מיט די קינדער זאגן
אמן יהא שמי רבא מיט געזאנג". אנ, קהל חסידים,
דף ד/ב.

1907 " עס רייסט זיך ארויס פון מיין אנגעפילטער
305/א ברוסט, אָן מיין ווילן, אַ מין געזאנג, גאָר שענער ווי
יום=טוב מיטן טאַטן ביים עמוד, אַ געזאנג אָן ווערטער".
שלום=עליכם, 8א, 10.

1927 " עס זיינען טאַקע דאָ מאָמענטן אין יעדער גרויסער
205 דראַמע, וואָס דאַרפן דעם תיקון פון געזאנג".
מוקדוני, 1, 252.

1934 " די חסידישע געזאנגען, אָס מ'האָט אויפגעפרישט ביי די
296 היימישע מאָלצייטן אין די שבת=צונאַכטן |...|".
אש, 13.

1949 " |...| געהערט די זיסע אומעטיקע בענקשאַפטלעכקייט

255 פון איטאַליענישן געזאַנג". י.י. טרונק, 7, 234.

2. מעלאָדישע קלאַנגען, אַרויסגעבראַכט דורך געוויסע

פייגל אָדער (זן) אַנדערע בעלי=חיים.

1875 " אלע הימלען און חיות הקודש |...| עפענען זייער

182 מויל מיט געזאַנג". קב הישר, 5, לב - וו.

1930 " ווען ער דורכן בילדער=שדיאַ קאָנען הערן

260 |...| דאָס רוישן פון אַ באַרגקוואַל און דאָס

געזאַנג פון די נאַכטיגאַלן?". איינהאָרן, 7, 188.

1953 " און צווישן מאַנדלביימער // יובלט דער בולבול

229 מיט געזאַנג". פרידמאַן, 1, 121.

3. (פיג) ליד/לידער, פּאָעטישע שאַפונג, פּאָעזיע.

1914 " אַך, לידער ניט-דערזונגענע,// אַך, לידער

ניט-באַצוווּנגענע!// געזאַנגען ווי די פֿרײַהייט 251

פֿרײַ// און ווי די יוגנט שיין!". סעגאַלאָוויטש, 47,2.

1936 " ווען מײַן לעבן צאַנקט ווי אַ לאַמטער,//

בײַג איך מײַן געזאַנג צו אײַך אַריבער,// עפֿן זיבן 230

אויערן און - הער". סוצקעווער, ליד "קירגיזן",

סיביר.

| |
|---|
| רעד: געפֿונען מקור אין ביכל. |

1960 " משה יונגמאַן |...| וואָס איז געקומען קיין

מדינת ישראל און האָט דאָרט אויפֿגעשלאָגן זײַן 216

געזאַנג". גלאַטשטיין, 2, 378.

4. (פֿיג) פּאָעטישער אויסדרוק פֿאַר דער שיינקייט,

פּראַכט פֿון דער נאַטור און פֿון דער פֿרייד מיט איר.

|1920?| " געזאנג פֿון זון אויף אַלע ווײַטע אײַזבערג,

// געזאנג פֿוןווינט אויף אַלע מאַסטן אין די ימען, 297

// געזאנג פֿון אַלע שפּינוועבן אין אומדערפֿאַרשטע

וועלדער |...|". יהואש, ליד, "געזאנג".

1948 " פֿאַר מיר אַ בלימל בלוי, אַ רויטער פּינטל,//

אַ וועלט מיט אָטעם פֿרײַ, אַ וועלטגעזאנג". 235

סעגאַלאָוויטש, 9, 134.

1973 " דאָס געזאנג פֿון די בערג אויף יהודישע הייכן,

// דאָס שטילע געמורמל פֿון די וואָדיס און טאָלן". 259

(פנקס 133)

פּוקס, זש' ~~סביבה~~, יאַנואַר, ז' 43.

|| געזאנגעכץ - דאָס, =ן. (ביטול) אַ געזאַנג, דאָס

זינגען סתם אָדער שלעכט; זינגעניש.

[illegible] 1957 " זיינע אויערן פֿארנעמען א געזאנגעכץ".

שניאור, 13, 26. 330

געזאנגעלע - דאָס, =ער. (ביטול) דזוו דפֿוו. דער מגיד

איז געקומען מיט אַ ניגון, מיט אַ געזאנגעלע".

ביאַלאָסטאָצקי, ~~זב ליטע 1~~, ז' 12.

106 [illegible]

0 געזאַנגבוך - דאָס/דער, ~ ביכער. אַ בוך מיט לידער צום זינגען, ס׳רוב אויך מיט נאָטן. % אין דעם נייעם געזאַנגבוך זיינען דאָ אַ סך יידישע פֿאָלקסלידער.

געזאַנג=לערער - דער, =ס, ווע - לערערינס. דער/די וואָס לערנט עמעצן זינגען. % אונדזער געזאַנג=לערער האָט אַ שיינע שטימע.

געזאַנג=מייַנסטער - דער, =ס. (עלט) דער וואָס שפּילט צו (אַקאָמפּאַניאַטאָר) צום זינגען אויף אַן אינסטרומענט אָדער דער אָנפֿירער פֿון אַ כאָר אָדער אָרקעסטער.

1936 " פֿאַר דעם געזאַנג=מייַנסטער, מיט סטרונעשפּיל".
איבן גראָס, תהילים, ד - 1. 327

געזאַנג=פֿאַראיין - דער, =ען. (עלט) קאָלעקטיוו פֿון געזאַנג=ליבהאָבערס, וואָס טרעטן ~~אויך~~ אויף מיט געזאַנג.

1865 " דער יידישער <u>געזאנג=פאראיין</u> 'איינטראכט'

|איך ווין| האט געזונגען פאסנדע פסאלמען". 333

פור 177,

<u>~~צי' קמ.~~ נ' 13, ז' 201.</u>

[illegible] — פעד, כן. דצ״ו דפ״ו.

<u>געזאנגשול</u> – <u>די, =ן.</u> ספעציעלע שול צום לערנען זינגען.

<u>כארגעזאנג</u> – דאס זינגען פון א גרופע צוזאמען,

ס'רוב אין עטלעכע שטימען.

<u>לויבגעזאנג</u> – 1. ליד מיט מוזיק לכבוד עמעצן/עפעס.

2. (<u>פיג</u>) רייד פון לויב פאר עמעצן.

1938 " פונקט אין רעכטן ברען פון די <u>לויבגעזאנגען</u>

האט ער זיך אומבאמערקט ארויסגעשמוגלט פונעם 265

פור 188,

פרעזידיום=טיש". <u>~~זש' שטערן~~, נ' 5 – 6.</u>

... " די געליבטע ישראל האבן געגעבן <u>לויבגעזאנג</u>,

געזאנג און בארימונג |...| צו דעם מלך". 275

<u>מחזור, 6, 93.</u>

**געזאנג פון אלע געזאנגען** – געמיינט א פאטעטיש ליבעליד, ווי "שיר השירים" פון תנ"ך.

1939 " גאר א קליין ביסל איז אפגעגאנגען, אז פון
גרויס איבערראשונג און איבערפלוס פון געבליטן, קאנק
זאל ער |...| זיך נעמען זאגן א מין ליבגעזאנג,
א מין געזאנג פון אלע געזאנגען צו זיינע בלוטן,
וואס שפארן פון אים |...|". נסתר, 5, 434.

□ **גיזאנג/גזאנג/גיזאנק.** מה"ד: *gesanc*

←--- .1

1514 " מיין גוט יעקב האט מיך זאלבן לון.//
זוישן גיזאנק פון ישראל האב איך וויל גיטון". 289
שמואל=בוך, סטראפע 1740.

186 ... " ברינה - מיט גזאנגא". רייכלין 8, תהילים, קכו - ג

1626 " |...| אזו איז איך (שר בשירים) דער דא

211 זינגט מיט גיזנג (על לב רע) אויף איין ביזן

הרץ". ס'המגיד, 1, משלי, כה - כ.

1743 " אונ' דער חזן פון דיא שול הייבט אן (ברוך

279 שאמר) צו זינגן, אונ' דיא (בחורים) דיא ענטפרן

אים מיט גזאנג". שארית ישראל, דף יו - 2.

<---- 5. ניגון, טראָפּ.

1541 " אבר איך זינג עס מיט איינם וועלשן גיזנק".

214 בבא=בוך, הקדמה, 40 - 41.

1766 " זוא מוז מן ווישן דען קלאנג אונ' גזאנג

293 פון אלי נקודות רעכט, דא מיט זיך קייני פר גלייכט

צו דער אנדרי". אבן ישראל, הקדמה, ד - ו.

51

געזאַנגיק – אַדי/אַדוו. (שנש) ווי געזאַנג, זינגעוודיק, מעלאָדיש.

1945 "ס'איז דײַן געוויין |...| // צעטראָגט זיך קלאַנגיק,// און ווערט צעשאַלט און ווערט געזאַנגיק". 313
לייוויק, 8, 163.

1947 "דערטראָגט זיך פֿון נאָענטן חדר // אַ צעצויגן געזאַנגיק ווישן". אהרון צייטלין, 5, 119. 315

1939 "דאָס אָפּגעדרוקטע ליד איז אַ בעל=טענה:// אַנשטאָט געזאַנגיק בין איך איצט פּאַפּיריק". 316
סוצקעווער, 3, 157.

|| געזאַנגיקייט – די, באַ. זינגעוודיקייט, מעלאָדישקייט.

1964 "דער פּאָעט האָט זיך צעשפּילט, ווי דער אויסגעריי־פֿטער עקספּערימענטירער מיט דער געזאַנגיקייט פֿון ייִדישן לשון". גלאַטשטיין, ~~צ' טמז~~ V /10. (פּנר 69)

325

?נ? ג ע ז אַ נ ג ע וו ע ן – **אוטוו.** (**שנש, איר**)

מאַכן אַ סך אָדער שלעכטע געזאַנגען, לידער(געמיינט פּאַעזיע).

1961 " דיכטערישער קאַלירין=בגילופֿין, וואָס **געזאַנגעוועט** ניט מיט קולות". גראָס=צימערמאַן, ~~וש גק~~, בוך 38, נ' 39, ז' 23. 328

53 – גז

ג ע ז א נ ד ט ע ר – דער, =ע, ווע געזאנדטע,

מצ דז. (דטשמ?) דיפלאמאטישער שליח, אמבאסאדאר,

לעגאט.

1865 " דער פראנצויזישער געזאנדטער |...| האט

עפעס א נייעם פלאן געפונען, און די פארטוגעזישע 341

קעניגין |...| וויל אים באהילפלעך זיין".

צ׳ קמ, נ׳ 43, ז׳ 653.

פאו 177

1917 " וואָס, דו קענסט אים נישט? דאָס איז דאָך אַ
גע**זאַנדטער** פון פּיינדלעכן לאַגער". **ראַקאָוו, 1, 14**. 339

1956 " זייַנען |...| אַדורכגעגאַנגען די **געזאַנדטע**
מיט הויכע היט |...|". **מאַרקיש, 10, 168**. 342

ם

## **גיזאנטר/גיזאנטי.**

|סוף **XVII** י"ה| קיסר קאריל מאנגנו |=מאגנא=גרויסער|
זיין קעסטליכי **גיזאנטין** נאך קונשטאנטינאפול אן 340
דער קיסרתי גשיקט אונ׳ פון זיינטוועגין אן פודרין
לאזין". **גליקל האמיל, ז׳ 94**.

## **גיזאנט ווערן** – געשיקט ווערן.

1668 " אונ׳ דיא איבריגן וואונדר צייכן דיא
פֿאארכטזאמן דיא דא גיזעהן ווארן |...| דיא צייגטן 338
אן דש זיא **ווערן גיזאנט** צו הילף פון גאט".
**יוסיפון, 3, דף רנח – II!.**

רעד: דאַרף מען דאָס וואָרט 'געזאַנדטער' האַלטן פֿאַר דטשם,
אויב ס'האָט אַ זאַ גוטן ייִחוס אין דעם עלטערן ייִדיש?!

ג ע ז א נ ד ש א פ ט - די, =ן. (דטשמ?)

1. דיפלאמאטישע פארשטייערשאפט, אמבאסאדע, לעגאציע.

1881 " ניט לאנג איז די געזאנדשאפט צוריק געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל, און דער סולטאן איז זייער צופרידן מיט דעם וואס זיין געזאנדשאפט האט אויסגעריכט". 24/XII, צ׳ ישראל. 349

פֿאָלק 74

2. דאס וווינארט פון דער דיפלאמאטישער פארשטייערשאפט.

% די געזאנדשאפט פון פראנקרייך געפינט זיך אין צענטער שטאט.

גּעזאַנגען – אדי/אדוו. (דטשמ?) געשטימט,

גענייגט, נוטה, איינגעשטעלט צו טאָן עפּעס( צו

האָבן אַ געוויסע איינגשאַפּט).

1873 " איך בין גאָר געזאַנגען צו לערנען אַלצדינג וואָס

מען לערנט אין די קלאַסן". מענדעלע, 9, 14. 356

1948 " אין אָסטריך איז מען מער טראַדיציאָנעל געזאַנגען

געוועזן ווי אומעטום". ח. גאַרבער, ~~זש' גאַפּ~~, פּלר 44

ב' 3 - 4, ז' 5. 351

1964 " שוישפּילערישן טאַלאַנט פון אַ העכערן גראַד

קאַנט איר אויך פילן אין רפאל קלאַטשקינס אַנשטריכל

פון אַ פילאָזאָפיש געזאַנגענעם באַלאַן=פּאַרקויפער אין

תל=אביב". נ. סווערדלין, ~~צ' טמז~~ פּלר 69, III/3. 355

ℓ אידל געזאַנגען – "צעבאַלעוועט, קאַפּריזנע"|קטוו|.

פרייַ געזאַנגען – (עלט) ניט רעליגיעז, וועלטלעך.

ג ע ז אָ ס – דער, =ן, פֿפּ געזעס, (שנײַדערײַ)

טײל פֿון הויזן, בײַם זיץ|סטוטש 526|.

59 — גיז

?נ? ם |געזאַץ| ג י ז א ץ – דער/דאָס. באַזיץ, נחלה.

1668 " אונ' דש ער וויל אויז טרייבן איך פון זיינם

גיזאץ אונ' פון זיינם ערטרייך |...|". 361

יוסיפון, 3, דף סלח.

## ג ע ז א ר ג ט – פאר פון זארגן.

61 – 5גז

ג ע ז ו י ג ט – פאר (פּפ̄) פ̄ון זויגן.



ג ע ז ו י ג ן - פאר פון זייגן/זויגן.

2. פאדי. וואס איז אפגעצויגן, אפגעזייט.

1895 " פון א פונט ראזשינקעס אין ביי איר תמיד אויסגעגאנגען העכער 5 עמער לויטער געזויגענע ריינע וואסער". ליניעצקי, 9, 78.

.[redacted] - בעז

3. וואס האט געזויגן (קינד).

1915 " גייען מענטשן, גייען איינגעבויגענע, // פרויען - קראנקע, קינדער - ניט=געזויגענע". לייוויק, 6, 33.

ליד "איבער וועגן".

63 - 54

ג ע ז ו י ל ט - אדי. מיט זוילן.

1930-1926 " נאָך 'שבעה' האט בער זיך אָנגעטאָן די

376 שווערע געזוילטע שיך |...|". אָפּאַטאַשו, 14, 92.

ג ע ז ו י ם – דער, בא. זוים, ראַנד. % דער סאָלדאַט טראָגט אַ היטל מיט אַ רויטן געזוים.

ג ע ז ו י מ ט - פאר פון זוימען (זיך). 65 - גיז

ג ע ז ו י פ ט – <u>פאר פון</u> <u>זויפן</u>.



67 - גז

געזוך - דאס, בא. 1. דאס דויערנדיקע זוכן;

זוכעניש.

1952 " די ווייסע שטאט |...| אנגעטרונקען מיט

390 אייביק יידישן געזוך". א. אויערבאך, 4.

1955 " עס שפיגלט זיך אפ באגער און געזוך

389 נאך שיינע יידישע לעבנס=פארמען". זשיטלאווסקי,

11, הקדמה.

1955 " גייט זי |סאפיא פעראווסקאיא| אלע אנטוויקלונג=

388 פאזעס קאנצעפטועל און אין געזוך פון מעטאדן צו

פארווירקלעכן |...|". זאקוסקי, 1, 74.

2. (לאקל, גאליציע, אונגערן) ווענדונג, ביטע צו

מאכטארגאנען.

1865 " העריכה האשה געזוך להיענעראל קאמאנדא דפה

385 ובקשה שיודיעו לה היכן בעלה". י.ש. גאטאנזאהן,

1, דף ע/2.

1909 " |...| עשו בקשה (געזוך) למקום ידוע |...|".

386 א. דייטש, 2, כה/2.

1970 " דריי וואַכן שפּעטער |...| ווענדט זיך דאָס

387 סאַנדזער יידישע שפּיטאָל צו דער געזונטהייט=

אָפּטיילונג |...| מיט אַ כאַראַקטעריסטישן געזוך".

יזב ~~סאַנץ~~, 15, 766.

□ גיזוך.

<---- 1.

1749 " אין דיזן צוואהר קלייגין בוך // קענסטו פינדן

391 אלל דיין גיזוך". ס' מבחר הפנינים, הקדמה.

ג ע ז ו֗ כ ט – 1. פאר פון זוכן.

2. געזוכטע(ר) – די/דער, סובסטאנטיווירונג.

עמעץ/עפּעס וואָס מע זוכט, וואָס מע וויל (דאַרף) געפינען. % געזוכטע גרייס, געזוכטע צאָל (טערמ׳ מאטעמאטיק).

1926 " דער פֿאַלקסווילן טאָר ניט זײַן דאָס פּאַראַנענע, |...| נאָר דאָס געזוכטע". י. מארק, ~~צ׳ גרייס.~~ פלר 120 398

1970 " זיי וועלן נישט אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פרײַ, ביז דער געזוכטער וועט נישט געכאַפּט ווערן". 393

יזב ~~סאנץ,~~ 15 ז׳ 820.

70 – געז

ג ע ז ו ם – דאָס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע זומען

(זשומען) אָדער דאָס זומען פֿון אַ סך זאַכן.

|אַנהייב XIX י"ה| " |...| הייבן זיך אָן די געסט צו

שיטן, // אַ גרויס גערודער, אַ גרויס געזום, // 404

בחורים זעצט מען בײַם טיש אַרום". עטינגער, 3, 11.

1939 " צום אויער האָט דערגרייכט |...| אַ געזום

פֿון עלעקטרישע דרילן". גילדין, 1, 76. 378

... " אַ חסידישער געזום, ווי אין אַ בינשטאָק".

קאַצינע, 1, 245. 405

71 — גיז

געזוׄמז I — דער, =ן. (עלט) דזוו געזימס.

1864 "אָן דער זײַט איז דאָ אַ נידעריקע טיר, וואָס

407 איבער איר איז דאָ אַ שײנער געזומז".

פּ"ר 177,

~~צ' קמ~~, נ' 26, ז' 412.

72 – גז 

ג ע ז ו ר מ ז (ע) II – דער/דאס, בא. דזון געזום.

1913 "איך הער די טריט און אַ געזומז פֿון פֿילע

שטימען". פינסקי, ~~דש' דאס נייע לעבן~~, אפריל, ז' 11. 408/409

, 125 סוף

ג ע ז ו מ ע ר ט – אַדי. (שנש) פֿון זומער,

דורכגעדרונגען מיט זומער.

1932 " געזונקענער גוף – // אַנשטאָט זײַן פֿאַרוואָגלט

411 געוויין // פֿאַרנעמט דעם געזומערטן רוף // פֿון

ערד און שטיין". לייוויק. 6, [illegible] 241.

רעד: (ביט זיכער אין אויסטייטש)

ג ע ז ו נ ג ע ן – פֿאַר פֿון זינגען.

75 — גז

ם |געזונדיקייט| ג י ז ו נ ד י ק יי ט – די/דאס.

געזונט (סוב).

1610 " |...| ווען ער איף שטיט מיט געזונדיקייט".

טײַטש=חומש, שמות (רשי), כא – יט. 423

ג ע ז ו נ ד ע ר ט - פאר פון זונדערן.

76/1



52

ג ע ז ו נ ט I - דאס, בא. מצב פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, ווען אַלע זײַנע אָרגאַנען פֿונקציאָנירן גוט, נאָרמאַל, אויך ווען אַ גוטן פּסיכישן זעלבסגעפֿיל.

% היטן דאָס געזונט. זאָרגן פֿאַרן געזונט.

גרינסן און פֿרוכטן זײַנען גוט פֿאַרן/צום געזונט.

מע ווינטשט דעם בעל=יובל געזונט און אריכת=ימים.

ער פֿרעגט זיך נאָך אויף מײַן געזונט . וואָס מאַכט איר אין געזונט?

1717 אַנהייב XIX י"ה " און מען מוטשעט אזוי לאנג דאס קינד // ביז דאס ווערט נעבעך אן דאס געזונט".

עטינגער, 3, 152.

1864 " אַרבעט אויף אונדז אַלע מיט נויטשווייס, [ג'ים] נעבעך, שטעלט אײַן דאָס געזונט, דאָס לעבן". קאנק

מענדעלע, 12, 104.

1908 " די העלע באַפּאַרבונג פֿאַרגרעסערט די ליכטיקייט
און ווירקט בעסער אויף אונדזער מוט און געזונט". 679
גאָטליעב, 2, 14.

1926 " |די בעלי=הבתים| וואָס האָבן צום רבונו=של=עולם
קיין תּביעות נישט געהאַט, ווען נאָר מען איז געווען 723
באַשאָנקען מיט געזונט". היישריק, 1, 10.

1968 " דאָס קלעמעניש זאָל אים נאָר ניט פֿאַרשאַטן צו
זײַן שוואַכן געזונט". גראַדע, 7, 396. קאַנק

0 געזונטאַמט - דער, =ן | סטוטש 492| מלוכהשער
אָדער מוניציפּאַלער אַמט פֿאַר געזונט=ענינים.

געזונטאָרט - דאָס, ~ ערטער. קוראָרט, הײלאָרט
|מאַרק וווב 1404|. 742

געזונטגיביק - אדי/אדוו. |סטוטש 422|.
וואס איז גוט/ניצלעך פאַרן געזונט.

געזונט=גימנאַסטיק - די, בא| סטוטש 514|. ספּעציעלע
געניטונגען וואָס דינען צו היטן דאָס געזונט
(להיפּך צו ספּאָרט=גימנאַסטיק).

(?ב?) געזונט=פאַרהיטונג - די, בא. |סטוטש 422|. הי׳גי׳ענ׳ע.

געזונט=צושטאַנד - דער, =ן. דער צושטאַנד/מצב
פֿון אַן אָרגאַניזם אין געגעבענעם מאָמענט.
% גוטער/שלעכטער געזונט=צושטאַנד. די רפֿואות
האָבן אַ סך פֿאַרבעסערט זייַן געזונט=צושטאַנד.

1930 " אין די ספּעציעלע בלוטפּאַספּאָרטן |...| ווערן
אויך אָנגעוויזן די רעזולטאַטן פֿון זייַן
געזונט=צושטאַנד". ~~זש״טאג~~ פריי 70, נ׳ 12, 9 |?|.

76|4 1970 – געז

1970 " דער ענין איז דרינגענד|יק|, נעמענדיק אין אַכט 

דעם געזונט=צושטאַנד פֿון דער היגער ייִדישער 835

באַפֿעלקערונג". ~~לבֿ־סאַנץ~~, ז' 766.

יצר־נו,

געזונט־ווערט — דבֿ, =ן. (אַמ, נאַ) קוואָרט.

~~109~~ - גע״ל
76/5

געזונטשוץ - דער, בא. סיסטעם פון מיטלען און אַקטיוויטעטן צו פֿאַרהיטן דאָס געזונט פֿון דער באַפֿעלקערונג.

1928 " אַלע די וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט די |...| אויפֿגאַבן פֿון ייִדישן געזונטשוץ אין לאַנד". פֿער 71, 843

~~זש' טאָז=ייִדיעות~~, 15/II.

1951 " 'אָזע' נעמט זיך פֿאַר אַן ענערגישער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון ייִדישן געזונטשוץ און זוכט צו היילן די אָפּגעשוואַכטע, קראַנקע און פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער". 848

~~זב ליטע, 1~~, 131.

פֿער 106,

~~110~~ 7616

[redacted] - געז

געזונטשיין - דער, =ען. דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט דעם געזונט=צושטאַנד.

אַנטלאָפֿן (וואָר: אַנטפֿאַלן) דאָס געזונט -שטאַרק דערשראָקן זיך.

1899 " דערוויסנדיק זיך, אַז ס'איז דאָ אַ באַפֿעל, מע זאָל יידישע קינדער נעמען אין די שקאָלעס, איז אים אַנטפֿאַלן דאָס געזונט". מענדעלע, 28. 687

1911 " פֿרעגט מיך דער דייטש: 'וואָס האָבן זי היער? - איז מיר אַנטלאָפֿן דאָס געזונט". שלום=עליכם, 150,23. 524

פֿאַרלירן דאָס געזונט - קראַנק ווערן.

1864 " זי האָרעוועט אַזוי איבער די קרעפֿטן, פֿאַרלירט איר געזונט". מענדעלע, 114. ? קאנק

1910 " טויזנטער יידישע נפֿשות זענען בדיל=הדל געוואָרן, פֿאַרלאָרן |...| אי דמים, אי ממון, געזונט און לעבן". פֿרוג, 3, 49. 633

111

איינגיין (וואר: איינפאלן) אין געזונט - פילן א
פארערגערונג אין געזונט=צושטאנד.

1887 "אלקע אין אלע טאג שענער געווארן, און קאפל
אין אלע טאג איינגעגאנגען אין געזונט". 525
בעקערמאן, 8, 34.

1961 "ווארע איז אלץ אפטער איינגעפאלן אין געזונט".
פאליקמאן, ~~דש' סאוד' היימלאנד~~ פור ווי, ב' 3, ז' 38/II. 523

ארויסנעמען/צונעמען דאס געזונט (וואר: א שטיק,
א היפש ביסל געזונט) - גורם זיין עגמת=נפש,
פייניקן, ביז צום פילן א פארערגערונג אין געזונט.

1888 "עפעס איז ער אליין געווארן א קינד און האט
מיט זיין בליק, מיט זיין שטיל=שוואך לשון קאנק
ארויסגענומען א שטיק געזונט". מענדעלע, 3, 106.

1907 " לא די זיי נעמען צו דאס געלט, נעמען זיי נאך
ארויס דאס געזונט". שלום=עליכם, 18, 106. 441

קאסטן/אפקאסטן געזונט - דזוו דפוו.

1913 " עס האט געקאסט רפאלן גענוג געזונט, ביז ער
האט זיך אויסגעריסן צו חנציען". מענדעלע, 3,300. קאנק

1968 " אויב דאס ניט נאכגעבן זיך דארף אים קאסטן
א סך געזונט, א שטיק לעבן, וועט ער זיך ניט קאנק
נאכגעבן". גראדע, 7, 269-270.

איינרייסן זיך/אפרייסן זיך דאס געזונט - ארבעטן שווער,
אנשטרענגען זיך צו פיל, ביז צו קראנק ווערן.

1864 " רייסן זיך איין יידן דאס געזונט, שרייענדיק
דארט אין א צונויפגעשטופט רעדל". מענדעלע, 4,12. קאנק

1913 " איך קאן שוין ניט זען, ווי דו רייסט איין
זיך און דעם קינד דאס געזונט". וואלצאנעק, 7,4. 521

113

76/9

אוועקגעבן/אוועקלייגן דאס געזונט - דזוו דפוו.

... "|...| ציען פֿון זיך די קליי,|...| אוועקגעבן

445 די נשמה, אַ שטיק געזונט, וואָס איז? כּדי אַרויסצושטעלן

זיך פֿאַר דער וועלט מיט דעם פּוץ, מיט דער פּאַמפּע".

מענדעלע, אסיפות, 3

1907 " דריַי און צוואַנציק יאָר אָפּגעקלאָפּט ביַים

קאנק עמוד... דאָס געזונט אוועקגעלייגט". שלום=עליכם,8א,23.

אונטעררייַסן דאָס געזונט - גורם זיַין אַ קראַנקייט

דורך אַ צו שווערער פֿיזישער אַרבעט.

פֿאַרלאַטען דאס געזונט - טיילווייז אויסהיילן זיך

פֿון אַ קראַנקייט, פֿאַרבעסערן אַ ביסל דאָס געזונט.

ארויסשלאגן זיך פונעם געזונט - קראַנק ווערן.

1948 " פון זײַן ווייניק עסן און פיל בענטשן האָט ער
קאנק זיך פונעם געזונט ארויסגעשלאגן און אויף אַזוי פיל
אָפגעשוואַכט געוואָרן |...|". נסתר, 6, 321.

צוקומען געזונט (וואר: אַ שטיק געזונט) - פילן הנאה,
צופרידנקייט, באַפרידיקונג.

1888 " די קליאַטשע וועט זיכער אַנקווועלן פון דער
529 בשורה, עס וועט איר פשוט אַ שטיק געזונט צוקומען".
מענדעלע, 2, 2, קאנק 658000.

1968 " ר' אברהם=שעיה איז אַרונטערגעקומען פון
קאנק מזרח מיט אַן אויפגעלעבטן ראָלעכן פנים, ווי פון
דאַווענען וואָלט אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט".
גראַדע, 7, 379.

צוגעבן געזונט - דזוו דפוו.

115
76/11

<u>אבי געזונט</u> – 1. ס'זאָל נאָר זײַן געזונט (איז דאָס איבעריקע ניט אַזוי וויכטיק).

2. דאָס איז שוין קלאָר, זיכער, דאָס וועט שוין געוויס זײַן, ס'איז שוין אומפֿאַרמײַדלעך.

1873 "<u>אבי געזונט</u>, מיט פֿרעמדע געשעפֿטן האָט מען נישט צו זאָרגן". <u>מענדעלע, 1, קאנק 110370</u>. 529/א

<u>ס'וועט האלטן, אבי געזונט</u> – ס'וועט האַלטן לאַנג.

1913 "איך, פֿון מײַן זײַט, בין גרייט צו וואַרטן <u>אבי געזונט</u>, זײַט איר בײַ מיר אַ גרויסער בטוח". 529/ב
<u>מענדעלע, 3, 266</u>.

<u>צו געזונט</u>! (<u>וואר</u>: <u>צו געזונט, צו לעבן, צו לאַנגע יאָר</u>/ <u>צו געזונט, צו אריכת=ימים</u>) – ווינטשעוואַניע בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, למשל, ווען עמעצער ניסט, בײַם עסן אַע?

76/12

1911 " |...| די נאָז מײַנע צעגיסט זיך גיסנדיק אויף

קאַנק אַ קול — צום געזונט, צום לעבן! — ווינטשעוועט מיר

צו דער מין נפש מיט פֿרייד". מענדעלע, קאַנק 936270.

1948 " זיי פֿלעגן צו אַ הויף צוקומען און זיך בעטן

קאַנק אַ טרונק, אַזוי פֿלעגט מען זיי באַלד מיט כּבֿוד

אַנטקעגן טראָגן זייער פֿאַרלאַנג. |...| — צו געזונט! —

פֿלעגט מען זיי צוווינטשעווען |...|". נסתר, 6, 445.

פֿאַר דײַן (אײַער) געזונט! — ווינטשעוואַניע בײַם טרינקען

ווײַן מיט עמעצן.

1931 " לחיים! — זאָגט צאַלקע. — פֿאַר דײַן געזונט! —

קאַנק זאָגט פֿאַלקע". קולבאַק, 8, 125.

אַ געזונט אין די ביינדעלעך! (וואָר: אין קעפּעלע) —

צערטלעכקייט, ווינטשעוואַניע פֿון דערוואַקסענע

(עלטערן) צו קינדער.

117
76/13

1968 " מאַמישע פּנימער שײַנען פֿון נחת. 'אַ געזונט זײַ
אין די בײַנדעלעך', פֿריער גאָט און דערנאָך זײַ, קאָנק
אונדזערע לערנערלעך". גראַדע, 7, 250.

אַ גרעבץ ארויס, אַ געזונט אַרײַן! – (פֿטמ) דזוו דפֿוו.

אַ געזונט אין דיר (אין אײַך)! – ווינטשוואַניע,
טייל מאָל שפּאַסיק.

וואָס מאַכט איר אין געזונט? (וואָר: ווי גייט עס אין
געזונט) – העפֿלעכקייט=פֿראַגע בײַם טרעפֿן זיך.

1888 " אַ, אַ גאַסט! |...| אַזאַ לאַנגע צײַט נישט געווען
בײַ מיר אין שטוב! |...| נו, זאָגט זשע מיר קודם=כל קאנק
ווי גייט עס אין געזונט, אין די געשעפֿטן, האַ?".
מענדעלע, 3, 186.

שווערן בײַם געזונט – געזאָגט ווען אַ מענטש שווערט.

118
76/14

1916 " די מאמע האט זיך געשווארן ביי איר געזונט

און ביי איר לעבן, אז זי וועט אונדז ניט ארויסלאזן קאנק

אויף דער סטריט". שלום=עליכם, 8 ב, 123.

זאל ער אזוי וויסן פון זיין געזונט - (פעיא) ער

ווייסט ניט גארניט, פון גארניט.

דאס געזונט שפארט אים אונטערן הארצן - שפאסיק וועגן

זייער א שטארקן מענטשן.

שון: ריינקייט היט אפ דאס געזונט (וואר: ריינקייט איז

געזונט).

א כפרה דאס געלט, (דאס) געזונט איז בילכער (וואר:

ליבער).

וועלוועלער אז (וואר: פון) געזונט איז גישטא - אויפן

געזונט טאר מען ניט שפארן, ווייל טאמער ווערט מען

קראנק, קאסט עס א סך טייערער.

119
76/15

געזונט קומט פֿאַר פּרנסה – קודם דאַרף אַ מענטש זאָרגן פֿאַר זײַן געזונט, ערשט שפּעטער וועגן פֿאַרדינסט, ווײַל אויב מען איז קראַנק, קאָן מען דאָך שוין נישט פֿאַרדינען בכלל.

געזונט און פּרנסה איז די בעסטע בקשה – ביידע זאַכן צוזאַמען איז אוודאי די בעסטע זאַך און וועגן דעם דאַרף מען בעטן גאָט.

געזונט אָן פּרנסה איז אַ האַלבע קרענק – ווען אַ מענטש האָט ניט קיין פּרנסה, ברענגט עס אים עגמת־נפש, פּײַן און דערפֿון קראַנקהייטן.

צו געזונט באַדאַרף מען נאָך האָבן ברויט – דער מיין דזוו דפוו.

120
76/16



געזונט ווי געזונט. ווו נעמט מען אבער בולווע? – דער מיין (שפּאסיק) דזוו דפּוו.

תורה איז חומש, געזונט איז שיסל – אז מע האָט צו עסן איז מען געזונט.

געזונט און פאַרגעניגן זאָל מען זוכן אין שיסל – דזוו דפּוו. [illegible].

א שאנד איז פּנים, א געזונט איז בויך – אַ מענטש טוט אַ מאָל אָפּ ניט קיין שיינע זאכן, אַבי צו זיין זאט (און געזונט).

אוודאי קומט צו א שטיק געזונט דוד המלכס קאַלדרע, בויכס שרעק, יהודהס טעות און צלפחדס טעכטער – תנכישע רעמיניסצענצן וועגן דעם פאַרגעניגן, וואָס א פרוי ברענגט דעם מאַן.

121 א זון איז דאס געזינט |=געזונט|. א טאכטער איז א קינד,

76/17 - א שנור איז א ווינט, אן איידעם איז א הינט |=הונט| -

דאס ווערטל ווייזט אן אויף די אנגענומענע אפשאצונגען

פון פארשיידענע משפחה=מיטגלידער.

איידער מען איז מגדל א קינד, ווערט מען אן דאס געזינט

|=געזונט| - דאס דערציען קינדער קומט אן די

עלטערן זייער שווער.

ווער ס'האט ניט קיין שכל, דארף קיין געזונט אויך ניט

האבן - בנב.

אליך פריץ און אליין הונט איז א לעבן און געזונט - בנב.

ם

גיזונד.

1676 " |...| דא זול זיא ביטן צו גוט י"ת דש ער זול

ווידר קומן מיט געזונד". ברנט שפיגל, פרק י"ח.

122 76/18

געז - .

1739 " עש איזט קיין בעשרי רייכטום אלש גיזונד,

אונ׳ ניקש ליבליכר אלש גוט גמיט". ס׳ מבחר הפנינים, 474

דף ל"ו - ז.

0 גיזונד קור - היילונג.

1723 " עז איז שווער אים צו ברענגין צו דער רעכטי

גזונד קור, דען דיא גוואנהייט גיט פאר דער נאטואר". 837

שמחת הנפש. דף ג - יד.

79 - 77

79 ← 77

[illegible]

79 - 77

77 → 79

[illegible]

[illegible]

79 - 77

79 ← 77

[illegible]

[illegible]

80

ג ע ז ו נ ט II - אַדי/אַדוו, אין גראַדאַציע: געזונטער, געזינטסטער. 1) וואָס איז אין אַ נאָרמאַלן (גוטן) מצב פֿון געזונט, ניט קראַנק (וועגן אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אָדער זײַנע טײלן). % ער איז אַ געזונטער מענטש, ס'טוט אים קיין זאַך ניט וויי. דער רענטגען ווײַזט אַז די לונגען זײַנען געזונטע. דער וועטערינאַר שטעלט פֿעסט, אַז דער הונט איז אַ געזונטער. ניט אַלע ביימער אין גאָרטן זײַנען געזונטע.

1833 " דוא זאלסט דר לעבין איבר א יאר זאלסא זיין גזונד אין דיין פריילעכקייט |...|". איבז, משה 728
בר' נתן=נטע, 2, יד/2.

1864 " לחיים, גוטער ברודער! לאָמיר זײַן געזונט, איסר, און האָבן תמיד אַזעלכע לעמלעך!".
מענדעלע, 12, 90.

1907 " דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איר האָט געזונטע אויגן".
שלום=עליכם, 8א, 250. קאנק

1920 " בײַ דער איבערגעצלמטער באַשטויבונג אַנטוויקלען זיך אין בלום אַ סך געזונטע זוימען, פֿון וועלכע 705
עס וואַקסן אויס אַ סך שטאַרקע געוויקסן".
איבז, האכבערג, 1, 195.

1953 "האבן חכמים מתקן געווען, אז פאר שמייסן דארף
מען דעם פארברעכער בודק זיין, זען צי איז ער 628
געזונט געגוג, ער זאל קענען איבערטראגן די צאל שמיץ".
ח. גרינבערג, 2, 273.

1968 "אויף להכעיס האט זי אויסגעזען צו זיין די
געזינטסטע פון אלע אין דער משפחה". ב.י. ראזען. 659
יזב ~~אשוראצק~~, ד׳ 642. 2

2. וואס איז גוט, ניצלעך פארן געזונט. % געזונטע
שפייזן. אין וואלד איז א געזונטע לופט.
שווימען איז א געזונטער ספארט.

1863 "אויך פירות זאל מען ניט פיל עסן, איבער הויפט
זויערע פירות זיינען זייער ניט געזונט". 527
א. דאנציג, 2, דף לב/ב.

1908 "שפילן אין פילקעס, אין קעגל אד"גל איז
געזונט און אלנפאלס שענער אלס קארטנשפיל". 719
מ. גאטליעב, 2, 44.

-גדנ-
82

1972 " די יהוד פון איראבא האבן זיך אויסגעלערנט

צו באטעמען די שפייזן מיט שמן=זית, ס'איז **געזונט**, 666

ס'רייניקט דאַס בלוט". חיין=שמעוני, ~~זש' גק~~; פלו 38,

נ' 75, ז' 177.

3. (פיג) פיזיש שטאַרק, פעסט געבויט. % דער שומר

איז געווען אַ **געזונטער** ברייטביינערדיקער יאַנג.

% די דינסט איז אַ הויכע **געזונטע** שיקסע.

1873 " פלוצלים, זע איך, קומט אונטער **אַ געזונטער**,

אַ באַלייבטער, אַ שיינער ייִד און אַ גרויסן ספּאָדיק". ב/733

מענדעלע, 1.

1915 " שפּעטער, אין אַב=צייט, זיינען שוין געשטאַנען

יונגע **געזונטע** פּויערטעס,|...| געשניטן און 733

געבונדן די זאַנגען". רייזען, ~~X~~ 10, 101.

1968 " איידער זיי האבן זיך ארומגעקוקט, האט מען זיי
שוין ארויסגעשליידערט אין פאליש. דן דוניעץ האט א/733
אויף א רגע נאך באוויזן זיך ארויסצורייסן פון א
פאר געזונטע ידים". גראדע, 7, 82.

4. (פיג) נארמאל, פאזיטיוו, ראיעל, סאליד.
% די אינסטיטוציע איז געבויט אויף געזונטע
יסודות. מע פירט ניט קיין געזונטע ווירטשאפט
אין דער מדינה. די קינדער גיט מען א געזונטע
דערציונג.

... " דערצו איז דא נאר איין רפואה: געזונטע ערלעכע
ארבעט, וואס ברענגט רייכע פרוכט". מענדעלע, 51,21. 434

1912 " זיי זיינען אלע |...| מענטשן וואס האבן
פארלארן דעם געזונטן חוש פאר א פשוטן טריפהנעם 715
זיין אויף דער וועלט". זשיטלאווסקי, 3, 211.

1958 " די דאַזיקע און ענלעכע פֿראַגמענטן פֿון זיין
בריוו צייגן, וואָס פֿאַרא מין איינפֿאַכע און געזונטע 522
ליבע ער האָט פֿאַרמאָגט צום לעבן". ניגער, 8, 20.

5. (פֿיג) לאָגיש, גוט מאָטיווירט, שׂכלדיק. % געזונטע
אַרגומענטן.

1819 " |...| האב איך איהר גיוויזין מיט גיזונדי
ראיות אז ער איז אודאי א רעכטער אפיקורים". 492
פּערל, 1, ~~11~~ 171.

1904 " |...| אויפֿשטעלן אַ מדינת יהודים אין ארץ=ישראל
מיט אייגענע קרעפֿטן, וואָס ביי אַ מענטשן מיט אַ 631
געזונטן פֿאַרשטאַנד קאָן עס בדרך הטבע אַפֿילו אין
חלום אויך ניט זיין". נתנאל, 1, 33.

1943 " |ער האָט זיך| געלאָזט אָנרעדן אים אַ גרויסע
סומע צו אַנטלייען, אַ גרעסער |...| ווי דער 631/א
געזונטער פֿאַרשטאַנד האָט דערלויבט". נסתר, 5, 169.

|| געזונטלעכקייט - די, בא. |מארק ווב 1785| ,
(נש) מצב פֿון געזונט (פֿון דער באַפֿעלקערונג, פֿון
א גרופּע מענטשן).

געזונטקייט - די, בא. 1. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון
זײַן געזונט, ניט קראַנק; דאָס געזונט.

1848 " דער מענטש בדארף |...| צו זוכן זיין געזונדקייט
אונטער האלטין דורך אזוינע זאכין וואס זייער טבע 838
ברענגט עס מיט". חובות הלבבות, 3, 352.

1899 " צוליב דער באַפֿעלקערונגס געזונטקייט |...|
מוז מען נייטן די הויזבאַזיצער איבערצובויען זייערע 842
אַלטע הײַזער, וועלכע האַלטן בײַם אײַנפֿאַלן".
וואס ווילען די סאציאלדעמאקראטען |...|,

1939 " די געזונטקייט פֿון ציגענע מילך האָט זי
אויך ניט אָפּגעשאַצט". שניאור, 4, 432. 841

2. פיזישע שטאַרקייט.

1904 " געפילט אַ טעמפּן פּחד פאַר זיין הויכקייט אין
קאַנק געזונטקייט". בערגעלסאָן, 1, 37.

1946 " דאָס גויישע געזונטקייט שרייט אים אַראָפּ פון
840 דעם מגושמדיקן פּנים". י.י. טרונק, 4, 247.

0 ניט געזונט זיין – אַדוו. קראַנק זיין. ער איז
אַ ביסל ניט=געזונט, ס'טוט אים וויי דער קאָפּ.

1888 " ער הערשעלע האָט, ווי איך, די גאַנצע נאַכט
קאַנק קיין אויג נישט צוגעמאַכט, וואָס זאָל עס זיין?
אפשר איז ער עפּעס נישט געזונט?". מענדעלע, 3, 222.

1909 " זי איז, נישט פאַר איך געדאַכט, נישט געזונט,
קאַנק זי האָט אַ לעבערקרענק". בערגעלסאָן, 1, 59.

1948 "טאַמער איז ער ניט געזונט, דאַרף ער זיך זען
קאנק היילן". נסתר, 6, 403.

געזונט ווערן - אוטוו. קומען צו אַ נאָרמאַלן מצב נאָך אַ
קראַנקייט, אויסהיילן זיך. % דאָס קינד האָט געקרענקט
עטלעכע וואָכן, אָבער איצט איז עס שוין געזונט געוואָרן.

1818 "איך וויל אז איך וועל גיזונד ווערין, |...|
711 זאל איך דיא ברירה האבין |...|". אפרים מרגליות,
1, דף רי"ב/4.

1888 "אַלע טאָג פֿלעגט ער קומען אים מבקר=חולה זײַן
קאנק און זיך ניט דערוווּיטערט פֿון אים נאָך דעם אַז ער
איז רעכט געזונט געוואָרן". מענדעלע, 3, 374.

1923 "בײַ קראַנקע וועלכע זײַנען שוין געזונט
ת672 געוואָרן, |...| געפֿינט מען נאָך |...איין| זייערע
אויסוואַרפֿן שעדלעכע באַקטעריעט". שאבאד, ~~רש"י מגעז~~, פלג 151
ג' 2 - 3.

88

1975 " איך מײַן ליִנקע האַנט איז באַצײַטנס געזונט געװאָרן". סוצקעװער, 7, 67. קאָנק

~~בראַנקעלעכעטשאַטשע~~ געזונט מאַכן - טרוו. 1. היילן, אויסהיילן (אַ קראַנקן).

1883 " ער איז אַרומגעפֿאָרן אַלס בעל=שם פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿלעגט זיך אָננעמען אויסצוהיילן קראַנקע און געזונט מאַכן משוגעים". סאַפּיר, 2, 6. 675

1900 " עס װאָרן |=זײַנען געװען| צװישן אונדז אַזעלכע דאָקטוירים, װעלכע |...| האָבן געזוכט מיטלען אונדז געזונט צו מאַכן". בראַמבערג, 1, 8. 689

2. (פֿיג) ברענגען צו אַ נאָרמאַלן, גוטן מצב, אויסבעסערן; סאַנירן.

1924 " זאַל די יידישע אויסגאַבע פֿון דער 'טורן=און
ספּאָרט=צייטונג' |...| אויפֿמונטערן און געזונט מאַכן 680
דאָס לעבן פֿון יידישן פֿאָלק". [פֿאָר 151,] ~~וש' פּגעז. ו'~~ 10.

1930 " אויפֿן מיטינג פֿון 'געזערד' האָבן די רעדנער
דערקלערט, ווי אַזוי די ראַטנמאַכט וועט געזונט מאַכן 783
די יידישע פּרנסות". י.גרינבערג, 1, 117.

געזונט=מאַכונג - די/דאָס, באַ. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון
געזונט מאַכן.

1965 " דאָס געזונט=מאַכונג פֿון די פֿאָלקסבענק איז
פאַרגעזעצט געוואָרן". [פֿאָר 107,] ~~זב ליטע~~ 2, 257. 781

געזונטנוציק - אַדי/אַדוו |סטוטש 422|. וואָס איז
געזונט פֿאַרן אָרגאַניזם.

געזונטנוציקייט - די, באַ. |סטוטש 422|. דער נוצן
פֿאַרן געזונט.

פּפּ: גערזונט: ווי א רינד, ווי שמשון הגיבור,

ווי גלית הפּלישתּי, ווי א פּויער, ווי א פּורמאַן,

ווי א שמײַסער. (פּעיא) געזונט: (ווי) עשׂו,

ווי א קאַצאַפּ, ווי יורקע, ווי א חזירניק,

ווי א גוי. געזונט: ווי אײַזן, ווי א מויער,

ווי א סקאַלע |=פֿעלדז|, ווי א שטיין.

געזונט: ווי א פֿערד. געזונט: ווי א בוים,

ווי א דעמב, ווי א קלאָץ, ווי א נוס, ווי א קירבעס,

ווי א ריב.

געזונטע קלעפּ – שטאַרקע קלעפּ. געזונטער למדן – גרויסער

קענער. געזונטער קבצן – (איר) גרויסער אָרעמאַן.

געזונטער לעפּאַק – ווענן אַ צעוואַקסענעם מגושמדיקן

מענטשן. געזונטע יאָרן – יאָרן מיט געזונט.

געזונטע ליכט - (עלט) אַ ליכט וואָס מע צינדט אָן ערב
יום=כּיפּור אין שטוב (אין קעגנשטעלונג צו נשמה=ליכט
וואָס מע צינדט אָן לזכר פֿון געשטאָרבענע אין
בית הכנסת).

1881 " |...| היט מען שטאַרק דעם דאָזיקן מינהג:|...|
גייען אין מקווה, מאַכן צוויי ליכט, איינס אַ 790
געזונטע און איינס אַ נר=נשמה". שאצקעס, 1, 51.

1883 " |...| יאָרציַיטליכט, ריינע נשמה=ליכט, געזונטע
ליכט פֿלעגט זיַין וויַיב די מגידיכע פֿאַרקויפֿן". 798
ג. ראַוויטש, 3, 53.

ארבעטן געזונט - אַרבעטן שטאַרק, פֿליַיסיק.

געזונט און פֿריש/פֿריש און געזונט - אָפּט געניצט ווערטער=
פּאָרל, טייל מאָל אין אַ קעגנשטעלונג - אין גאַנצן/
זייער געזונט. % אויפֿגעשטאַנען פֿריש און געזונט
און פֿלוצעם האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ.

1911 " קומט, זעט, דער זון אייערער איז פּריש און

קאנק געזונט". מענדעלע, 9, קאנק 936610.

1975 " היינט האָט מען געערדט מיט אַ מענטש און ער איז

קאנק געזונט און פּריש, צו מאָרגנס איז ער געגאַנגען אַ

גאַנג". באשעוויס, 6, 117.

געזונט און שטארק – אָפּט געניצט ווערטער=פּאָרל,

באַטייט דזוו דפוו.

1907 " האט זיי דער דאָקטאָר באַטראַכט און געפֿונען,

קאנק אַז זיי זענען אַלע געזונט און שטארק און קאָנען

פֿאָרן קיין אַמעריקע". שלום=עליכם, 8א, 240.

פריש, געזונט און משוגע – ווערטל געזאָגט אויף עמעצן
וואָס טוט עפּעס אומדערוואַרט, משוגהדיק, ניט ווי
ס'איז אָנגענומען.

1888 "אַ מענטש |...| נעמט דאָך ניט פּלוצלים פון דער
קאנק העלער הויט און איז משנה מקום , גלאַט אַזוי זיך,
פריש, געזונט און משוגע, סײַדן ער מיינט דערמיט אַן
עסק". מענדעלע, 3, 394.

1928 " אַ יונג גייט פריש, געזונט און משוגע, און
498 ליבט זיך אײַן אין גראַדזעלס אלמנה". אָפּאַטאָשו, 112,5.

עס(ט) געזונט! – טראַדיציאָנעלער ווונטש צו עמעצן בײַם
עסן (דזוו 'מיט אַ גוטן אַפּעטיט').

1888 " אונדזער הערשעלע |האָט| זיך גענומען אונטערלענען
קאנק זײַן האַרץ מיט אַ פּרעזשעניצע, וואָס רייזע האָט איך
דער גיך צוגעטראָגן |...|: – נאַ, עס געזונט!
האָסטו געהערט, |...| מען זאָל אַזאַ טאָג אָפּפאַסטן!".
מענדעלע, 3, 77.

זײַ(ט) געזונט! - (וואַר: פֿאַרבלײַבט געזונט!) -

טראַדיציאָנעלע געזעגענונג=ווערטער בײַם אַוועקגײן/

אַוועקפֿאָרן צו די וואָס בלײַבן.

גיי(ט) געזונט!/פֿאָר(ט) געזונט! - (וואַר: קום(ט) געזונט!)

- טראַדיציאָנעלע געזעגנונג=ווערטער צו די וואָס גייען

אָדער פֿאָרן אַוועק.

1888 " שניאור=וואָלף געזעגנט זיך מיט אים: + פֿאָרט געזונט!".

מענדעלע, 3, 140. קאנק

1907 " זײַט געזונט! זײַט געזונט! - אַזוי שרײַען מיר

אַלע פֿון וואָגן אַרויס, און איך וואָלט געמעגט שווערן, קאנק

אַז מיר פֿאָרן שוין". שלום=עליכם, 8א, 164.

טראג(ט) געזונט, פארניצ(ט) געזונט! - (וואר: צערייס(ט) געזונט!) - טראדיציאנעלע ווינטשעוואניע פאר עמעצן וואס באנייט א מלבוש, שיך.

1864 " טאפט, כ'לעבן, נישט, בריינדל |דעם מלבוש|, ס'איז גוט! אט טראגט געזונט, פארניצט געזונט, צערייסט געזונט! גיט נאר קריטשענע מיין לערן=יינגל". מענדעלע, 12, 33. קאנק

געזונט זאלסטו (זאלט איר) טראגן! - דזוו דפוו.

זאל(ן) געזונט זיין - (וואר: זאל לעבן און געזונט זיין) אפט געניצטע באמערקווערטער, ווען מע דערמאנט וועגן עמעצן וואס איז ליב, טייער, חשוב.

|אנהייבצוי"ה| " מיין אלטע-לעבן, זאל שטארק און געזונט זיין, איז דאך אנדאס |?| ערשט אלט דרייצן יאר". עטינגער, 3, 353. 716

96

1968 " מײַן רביצין, זאָל געזונט זײַן, פֿאַרשטייט זיך גוט אין מילי=דעלמע". גראַדע, 7, 365. קאַנק

אַוועק אָן אַ זײַ=געזונט — וועגן עמעצן וואָס איז אַוועק אָן געזעגענען זיך.

פֿאַרגעסן דעם זײַ=געזונט / דזוו דפּוו, טייל מאָל אויך מיטן מײַן, אַז מע ווייסט ניט מער פֿון יענעם.

זאָלט איר (זאָלסטו) מיר געזונט זײַן — באַמערקווערטער בעת אַ וויכּוח מיט עמעצן, מיט דער כּוונה יענעם צו איבערצײַגן, אָפּצופֿרעגן יענעמס ווערטער אין אַ העפֿלעכער פֿאָרעם.

זיך (געפינט) זיינס גלייכן אין דער געזעלשאפט.

|אָנהייב XIX י"ה| " דער רבי וויל מייך |=מער| ...

פאר וואס נישט? - גלייכס מיט גלייכס געזעלט זיך

גערן!". אנ., געגנאַרטע וועלט, 67.

geselleu

ם גיזעלן, פּפֿ (זן) גיזעלטין. מה"ד:

... "אל תתרע - ניט זולטו דיך גזילן, כמ' אל

1557 תתחבר, ל' ריע". רייכלין 8, משלי, כב- כד.

[תי: זאָלסט זיך ניט חברן].

1680 "ווי אך דאז שפריך ווארט טוט ביווערין,גלייך

1515 און גלייך גיזעלט זיך גערין". צוכט שפיגל, ז'6.

1743 " דורך זיין רובונג אונ' אב זעצרייא איז ער

1515 זער בקענט גווארן אונ' עס גזעלטין זיך צו אים

פיל שעלמין אונ גנבים". שארית ישראל,דף כג - 2.

|| גיזעלונג - חברשאַפט, פאַרבינדונג.

1691 " (למה תריעי רעים) ווארום זאלשטו די גזעלן

איין גזעלונג דו דרפשט דאך ניט חברותות צו זיצן און אהובים"

ס' המגוז 2, מינה, 3 — 6

געזעלנשאַפּט - די, =ן. 1. (עלט) דזוו

געזעלשאַפּט, ב׳ 3.

1865 " |...| דער ערשטער ריידער און דער ערשטער

1546 לוסטיק=מאַכער אין דער גאַנצער געזעלנשאַפּט".

דיק, 20, 32.

1894 " איך אַ געזעלנשאַפּט, ווען דו טוסט דאָס, קאָן

1551 מען חלשות בלייבן". שלום=עליכם, [illegible] ב4, 37.

2. (עלט) דזוו געזעלשאַפּט, ב׳ 5.

1848 " |...| זיי האַלטן זיך |אין| גיזעלין שאַפּט

1578 מיט די מענטשען פֿון דער וועלט |...|".

חובות הלבבות, 3, 279.

3. (נש, מאקס ווײַנרײַך) פֿעלקער=געמײנשאַפֿט.

1969 " |...| סע פֿעלט דאָך אָבער אויס אַ וואָרט פֿאַר

Commonwealth, האָט ד"ר מאקס ווײַנרײַך - 1548

אָנגעשפּאַרט אין דער געזעלן, מיטפֿאָרער, מיטטוער -

גענומען ניצן געזעלנשאַפֿט פֿאַר אָט דעם נײַעם באַגריף,

און אורי ווײַנרײַכס ווערטערבוך רעקאָמענדירט עס

אַלעמען". שעכטער, זש' גק, נ' 66, ז' 240.

|| געזעלנשאַפֿטער - דער, מצ דז, ווע געזעלנשאַפֿטערין.

(עלט) פֿרײַנד, חבֿר.

1866 " פֿון דער נאַטור זײַנען זײ |...| בעלי=צדקות,

גוטע געזעלנשאַפֿטער". דיק, 24, 25. 1554

1883 "כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות,

אזוי ווי אײַן רויז צווישן דערנער איז מײַן 1555

געשעלנשאַפֿטערין צווישן די טעכטער". נופֿת צופֿים,

2, שיר השירים, דף 16 - II.

גען – [redacted].

ג ע ז ע ל צ נ ש א פ ט – די, בא, (איר) גע<u>זעלשאפט</u>

(אין ב 3). % די שפילסט זיך מיט אים – ער איז

דאך פון דער הויכער געזעלצנשאפט...

ג ע ז ע ל ש אַ פ ט – די. =ן. 1. גרעסערע געמיינשאַפט
פֿון מענטשן וואָס געפֿינען זיך אין צווישנבאַציִונגען
מחמת בשותּפֿותדיקע היסטאָרישע, מאַטעריעלע און
קולטורעלע באַדינגונגען פֿון לעבן, דער כלל מענטשן
פֿון אַ געוויסן רעגיאָן לאַנד, אַ מאָל אויך געמיינט
אַלע מענטשן פֿון דער וועלט צוזאַמען. % די יידישע
געזעלשאַפֿט, די קריסטלעכע געזעלשאַפט/ אין דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט
האָבן די הויפּטראָל געשפּילט די גרויסע ערדמאַגנאַטן.
די סאָציאַליסטן ווילן אָפּשאַפֿן די קאַפּיטאַליסטישע
געזעלשאַפֿט. דאָס בוך דערציילט וועגן דער אַנטוויקלונג
פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

1894 " דאָס בוך, וועלכעס מיר גיבן דאָ אַרויס פֿאַר
דעם ייִדישן לעזע=פּובליקום, איז |...| די לערע 1641
מכוח די 'בעל=הבתישקייט' (עקאָנאָמיִע) פֿון די |=דער|
מענטשלעכע|ר| <u>געזעלשאַפֿט</u>". <u>פֿיַגגבוים, 2, 7</u>.

1905 " דער פֿריִער מענטש אין דער פֿריִער <u>געזעלשאַפֿט</u>
וועט ערשט אָנפֿאַנגען צו פֿילן און צו פֿאַרשטיין די 1628
שיינהייט און די גאונות פֿון וויסנשאַפֿט, קונסט
און פּאָעזיע". <u>בן חופש, 1, 30</u>.

1929 " די משפּחה, אַלס די איינפֿאַכסטע |...| פֿאַרם
פֿון דער מענטשלעכער <u>געזעלשאַפֿט</u>, פֿאַרלייכטערט דעם 1617
קינד אויך זיין ביאָגענעטישע אַנטוויקלונג". פֿער 70
<u>זשיטאָז, נ' 1 - 2</u>.

1959 " דער אַרבעטער=קלאַס קאָן זיך בכלל נישט פֿאַרגינען אין
דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט צו איזאָלירן זיך קולטורעל 1576
פֿון דער אַרומיקער וועלט". ניגער, 9, 71.

2. פֿאַרבאַנד פֿון מענטשן צו רעאַליזירן אַ באַשטימטן בשותּפֿותדיקן
ציל; אָרגאַניזאַציע, אינסטיטוציע. % ליטעראַרישע
געזעלשאַפֿט. פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט. געזעלשאַפֿט
פֿאַר שוץ פֿון בעלי=חיים. מיר זײַנען מיטגלידער
פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישער קולטור. אַ גרופּע
קאַפּיטאַליסטן האָבן געשאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשן
די נאַפֿט=אוצרות פֿון לאַנד. אַקציע=געזעלשאַפֿט.

1898 " ווען אַפֿילו די געזעלשאַפֿט זאָל געבן ווייניקער
רווח, איז אויך כּדאי צאָלן איר, איידער אין קאַסע". 1637
יאַנאָפּאָלסקי, 1, 22.

1922 "געזעלשאַפֿטן, אַרטעלן און קאָלעקטיוון דאַרפֿן
האָבן אַ באַשטעטיקטן סטאַטוט |...|". ב. האַלפּערין, 11,1. 1656

233

1943 " דערצו האָט אויף אויסנווייניק |געוווּסט| אַלע געלטקורסן, ווערטפּאַפּירן, אַבליגאַציעס |...| פון היגע בענק און אַקציאָנערע געזעלשאַפטן|...|". נסתר, 219.5. קאַנק

3. גרופּע מענטשן, ס'רוב באַקאַנטע צווישן זיך, וואָס פֿאַרברענגען צוזאַמען, וואָס קומען זיך צונויף צוליב פֿריינדשאַפֿט=באַציונגען; קאָמפּאַניע. פֿריילעכע/ לאַנגווייליקע/ אינטערעסאַנטע געזעלשאַפֿט.
% אונדזער געזעלשאַפֿט טרעפֿט זיך כמעט יעדע וואָך, מע עסט צוזאַמען, מע מאַכט אַ דאָמינאָ, מע זינגט. מע האָט אים ליב אין דער געזעלשאַפֿט, ווייל ער דערציילט שיינע אַנעקדאָטן. מיוחסדיקע געזעלשאַפֿט. עקסקלוזיווע געזעלשאַפֿט.

1836 " צו קיין שלכטע געזעלשאַפֿט האָב איך זיך קיין מאָל באַהעפֿט". איבן, מעשה טאַביאַס. 1625

1873 " אַרום זיצט אַ גאַנצע געזעלשאַפט פון יונגע
א/1625 ליַיט, מען טרינקט וויַין, מען שמועסט".
מענדעלע, 1, קאַנק 327490.

1911 " |...| זיצט איך שטוב, ווי אַ באָבע, מיַידט אויס
1624 געזעלשאַפט פון היַינטוועלטיקע מענטשן". בלאַשטיין, 13, 46.

1926-1930 " טאַרלאָווסקי האָט ביסלעכוויַיז גענומען
1651 פֿאַרלירן די שפּיצן, וואָס האָבן ביז איצט אים נישט
לעלאָזט זיך איַינפּאַסן אין קיין געזעלשאַפט".
אַפּאַטאָשו, 12, 65.

1943 " ער איז געווען |...| פֿון יענע פֿאַרשוינען,
|...| וואָס פּריצים האָבן ליב: אַ געטריַיער פֿלאַשברודער,
וואָס ווו אַ הולקע און אַ וואַסער ניט איז געזעלשאַפט,
איז ער דאָ". נסתר, 5, 255.

4. דאס ביי־זיין (אנוועזנדיקייט) פון עמעצן לעבן/מיט עמעצן, דאס זיין מיט אים צוזאמען. % מע האט אים געזען אין קאפעהויז אין דער געזעלשאפט פון א יונגער פרוי. מע מיידט אויס זיין געזעלשאפט, ווייל ער איז א רכילותניק.

1805 " דענק איך מיר איז דען יוא רעכט איך זאל געהין
נאך די וועלטליכי זאכין אונ איך זאל מיך עהרין 1586
מיט איהרי גיזעלשאפט". איבז, פאוויר, 1, כא - I.

1888 " הרב אברהם האט זיך גענייטיקט אין רפאלס
געזעלשאפט ארויסצושלאגן א ביסל פון זיך דעם צער 1586/א
אין א שמועס מיט אים". מענדעלע, 3, 392.

1939 " בעסער אים אין גאנצן נישט באקענען, איידער
אין דער געזעלשאפט פון א פרוי". בורשטין, 3, 18. 1652

.235/1

1973 " אין נאענטן גאסטצימער האט זייער טאכטער

פארברענגט אין דער **געזעלשאפט** פון א באוויפענעם 1610

דייטש". פרייבערג, 1, 71.

5. (עלט) חבֿרשאַפֿט, פֿרײַנדשאַפֿט.

1805 " עס וואר צווישן אלי קיין שטן קיין ביין

1609 בגעגנוש קיין פייט שאפט קיין קרוג |=קריג| נאר

לובשאפט אונ גוזעל שאפט אונ פריינד שאפט".

איבן, אגרת בעלי חיים, 2, דף ב/1.

1858 " אונ עס זאל זיין צווישן אונז אייטל ליבשאפט

1594 אונ גוטע גיזעלשאפט". תחנות ובקשות, 2.

|| געזע׳לשאַפֿטלער - דער, =ס. (שנש) געזעלשאַפֿטלעכער

טוער, עסקן.

1929 " אַ פּראָגרעס, וועד געזעלשאַפֿטלער, וואָס האָט

1751 אַ פֿעסטן קוק אויף אַלע דערשײַנונגען. איבן י. מאַרק, 1.

געזע׳לשאַפֿטער - דער, =ס, ס'רוב אין ווײַבלעכער

פֿאָרמע: געזע׳לשאַפֿטערין. חבֿר(טע), פֿרײַנד(ין),

קאַמפּאַניאָן(קע).

1865 " מיט דער צײַט, אַז דאָס קינד האָט שוין געקענט 1756

ריידן, האָט זי געפֿונען אין איר אַ גוטע גזעלשאַפֿטערין".

דיק, 21, 23.

0 **געזעלשאַפֿט=אָרדענונג** – די, =ען. דער אופֿן ווי אַזוי אַ געזעלשאַפֿט (ב' 1) איז געבויט (עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, סאָציאַל). % קאַפּיטאַליסטישע **געזעלשאַפֿט=אָרדענונג**.

**געזעלשאַפֿט=דאַמע** – די, =ס. אַ פֿרוי וואָס איר אַרבעט איז בײַצוזײַן מיט אַ צווייטער פֿרוי, איר צו באַלייטן אומעטום.

**געזעלשאַפֿט=טאַנץ** – דער, ~טענץ. אַ טאַנץ וואָס איז אָנגענומען אויף בעלער, טאַנצאָוונטן אד"גל (צום אונטערשייד פֿון פֿאָלקסטענץ אָדער באַלעט). דער וואַלס איז פֿון די פּאָפּולערסטע **געזעלשאַפֿט=טענץ**.

**געזעלשאַפֿט=וויסנשאַפֿט** – די, =ן. סאָציאַלע וויסנשאַפֿט.

% פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די באַזע פֿון געזעלשאַפֿט= וויסנשאַפֿט.

**געזעלשאַפֿט=קענטעניש** – די, באַ. דזוו דפּוו.

**אַקציע=געזעלשאַפֿט**, **ספּאָרט=געזעלשאַפֿט**, **פֿאַרזיכערונג=געזעלשאַפֿט**, **צדקה=געזעלשאַפֿט**, **קולטור=געזעלשאַפֿט**.

1865 " קוים גיט איינער אויף עפּעס אַן עסק, אַז עס
ווייַזט נאָר אויס, עס קען נוצן ברענגען, |...| 1643
מאַכט זיך שוין אַן אַקציע=געזעלשאַפֿט און די
אַקציען ווערן פֿאַרקאַפֿט". ~~צ' קמ~~ פֿער 177, נ' 10.

1927 " אין ענגלאַנד האָט מען |...| דעם בלוטדרוק=
מעסטער |...| אָנגעהויבן אָנווענדן סיסטעמאַטיש אין 1620
די פֿאַרזיכערונג=געזעלשאַפֿטן". לענסקי, 1, 49.

ביבל=געזעלשאפט – געזעלשאפט צו שטודירן דעם תנ"ך.

1865 " אין דעם מאגאזין |...| זענען דא צו פארקויפן תנכן פשוטע |...| זייער וואלוול, פון דער מיסיאנערישער ביבל=געזעלשאפט". צ' ~~קמ~~ [הדר 177], נ' 2, מודעות. 1616

שיפס=געזעלשאפט – קאמפאניע וואס האט שיפן איבערצופירן סחורות און פאסאזשירן.

1912 " ווי באלד ער באטרעט נאר דאס ביורא פון דער שיפס=געזעלשאפט אין דער האפנשטאט". 1638

זב יידישער פאלקס=קאלענדאר, ז' 51.

געקליבענע געזעלשאפט – א געזעלשאפט (אין ב' 3), וואס באשטייט פון פערזאנען וועלכע טיילן זיך באזונדערס אויס (לויט בילדונג, פארמעגן, סאציאלע פאזיציע אד"גל).

<u>הויכע געזעלשאַפט</u> - אַ געזעלשאַפט (אין ב׳3) וואָס באַשטייט פון מענטשן פון גרויסן יִחוס אָדער גרויסן פאַרמעגן.

<u>אָפּפאַל/אָפּשוּים פון דער געזעלשאַפט</u> - געזאָגט וועגן מענטשן מאָראַליש פאַרדאָרבענע, פאַרברעכערס <u>אד"גל</u>.

<u>(שרו) אַ פּעסן האָט קיין געזעלשאַפט ניט.</u>

ם <u>גיזעלשאפט/גזעלשאפט.</u>

.3 ←---

... " חברים - <u>גזילשאפט</u>, כלומ׳ חבורת אנשים צדיקים".

1564 <u>רייכלין 8, איוב, מ.ל.</u>

1626 " אונ׳ דיא זינדגר קאנן ניט בשטין (בעדת

1585 אין דען גימיין אונ׳ אין דער <u>גיזעלשפט</u> פון דען

צדיקים". <u>ס׳ המגיד, 1, תהילים, א - ה.</u>

1722 " ווער דא גיט איך וועג אונ' האט קיין <u>גיזעלשאפט</u>
בייא זיך, דער זאל תורה לערנן". <u>מנורת המאור,</u> 1588
<u>דף רווא.</u>

5. ←---

1565 ... " בתרועה - מיט <u>גזילשפט</u>". <u>ריבלין 8, איוב לג- כו.</u>

1723 " האט זיך יעקב גישטעלט אויף די מויאר פון
1593 שלאס אונ' האט גירעט מיט זייך ברודר עשו גוטי
ריד פון אייטל שלום <u>גזעלשאפט</u> אונ' ברידרשאפט".
<u>בית ישראל, דף ג/3.</u>

241/1 – גע

130

ג ע ז ע ל ש אַ פּ ט י ק – אַדי/אַדוו. (נש, אהרן)

דזוו געזעלשאַפּטלעך ב׳ 4.

|| געזעלשאַפּטיקייט – די, בא. (נש, אהרן) אייגנשאַפּט

צו זײַן געזעלשאַפּטיק.

ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע ך - אַדי/אַדוו. 1. וואָס איז פֿון/אין דער געזעלשאַפֿט (אין ב' 1).

% געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג. געזעלשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג. אין אַ סך לענדער איז נאָך דאָ אַ שאַרפֿע געזעלשאַפֿטלעכע אומגלײַכקייט. אין דעם פּאַרלאַמענט זײַנען דאָ פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע ריכטונגען.

1899 " ווען די ראָד פֿון דער געשיכטע האָט זיך

איבערגעדרייט און די געזעלשאַפֿטלעכע איבערקערענישן 1663

|...| האָבן צערודערט די אַלטע פּאַטריאַרכאַלע אָרדענונג

|...|". ~~וש' דער אידישער ארבייטער~~ פֿער 8, נ' 6, ז' 42.

1912 " דאָ און דאָרט מערקן זיך שפּורן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן 1742

אַנטיסעמיטיזם". יוסף נײַמאַן, 1, 4.

1927 " |...| ער האָפֿט, אַז זיי |די קינדער| וועט זיך

אײַנגעבן זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער אָרעמקייט און 1674

זיך אויפֿהייבן אויף אַ העכערער געזעלשאַפֿטלעכער

מדרגה |...|". לענסקי, 1, 110 - 111.

1960 "איך 'גאָט פֿון נקמה' |...| איז ער |אַש| פֿון

געזעלשאַפֿטלעכע אַנטאַגאָניזמען איבערגעגאַנגען צו אַ 1741

קאָנפֿליקט וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער נשמה פֿון אַ

יחיד". ניגער, 10, 340.

2. וואָס איז לטובת דער געזעלשאַפֿט(איך ב' 1).

% אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער. מ'האָט אים אָנגעטרויט

אַ וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע שליחות.

1936 " |...| ס'האָבן זיך געבילדעט נייע פֿאָרמען,

האָט מען געמוזט זוכן אַ געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט, 1698

אַ ניצלעכע פּלל=אַרבעט". ב. האַלפּערן, 2, 169.

1951 " ער האָט ניט געזוכט קיין פֿירערשאַפֿט און זיך

ניט געשפּאָרט צום אויבנאָן, כאָטש ער האָט געקענט 1669

ביזסיק פֿאַראַכטן 'שרייער' און כּבוד=זוכער, ווי

זיי זאָלן ניט זיין געזעלשאַפֿטלעך געשליירט".

הויר 106,

י. ראסעזן, ~~זב ליטע, 1~~, 1016.

1972 " אלע באשטעטיקן, אז מיט זײַן גאנצער געזעלשאפטלעכער

אקטיווקייט איז מיכל שפאל געבליבן א פאראייניזאמטער 1701

מענטש". ח. שמערוק, זש׳ ~~גק~~ (38 פר, נ׳ 77, ז׳ 128.

3. וואס געהערט צו דער געזעלשאפט, צו אינסטיטוציעס,

איז ניט פריוואט; קהלש. % געזעלשאפטלעך פארמעגן.

1914 " |...| אין דער געזעלשאפטלעכער שול, ווו די

לערער |...| האבן ליב זייער ארבעט |...|". 1668

אנ, א פאר ווערטער |...|.

1922 " צי קאן די פארוואלטונג האלטן פריוואטע אדער

געזעלשאפטלעכע געלטן אין דער קאסע, וואס זײַנען

ניט אײַנגעשריבן אין די ביכער? בשום אופן ניט".

ב. האלפערן, 1.

1973 " די דאזיקע ישובים האבן געהאט אייגענע שפיטעלער,

שולן, קלובן און בופעטן |...| און אנדערע 1665

געזעלשאפטלעכע בנינים". מ. ברוקנער, יזב ~~טאטנאוריעץ~~ 16,

ז׳ 130.

4. שייכדיק צו געזעלשאַפֿט (איך ב׳ 3), אָדער (וועגן מענטשן) וואָס האָבן ליב געזעלשאַפֿט (איך ב׳ 3).

% מיר האָבן זיך געטראָפֿן אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכן צוזאַמענקום. מע האָט געשפּילט אין דאָמינאָ און אין אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע שפּילן. ער קען טאַנצן וואַלס און אַלע אַמאַליקע געזעלשאַפֿטלעכע טענץ. מײַן חבֿר איז זייער אַ געזעלשאַפֿטלעכער מענטש, ער קומט גערן צו אַלע מסיבות, האָט ליב צו שמועסן, זינגען.

|| געזעלשאַפֿטלעכקייט - די, באַ. 1. דער אַקטיווער אָרגאַניזירטער טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט (איך ב׳ 1).

1951 " די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט האָט אויך אויסגעקעמפֿט
פֿאַר זיך בעסערע אַרבעטס=באַדינגונגען און געוווּנען 1744
אַנ͵ען אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט".

פּאדר 106
מ. ווישניצער, ~~דב ליט.~~ 1, 87.

1967 " אויפֿגעטרייסלט די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט

האָט אין יאָר 1882 דער בלוט=בילבול=פּראָצעס קעגן דעם

פֿאַרפֿאַלק ר.|...|". א. כאַמעט, יזב ~~ייִדישע~~ 21, ז' 393.

2. געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיווקייט, אינטערעס פֿאַר עניינים

פֿון דער געזעלשאַפֿט (אין ב' 1).

1952 " |...| אויסערלעך אַזוי אַנגעצעטיקט מיט

1757 געזעלשאַפֿטלעכקייט און פּאָליטיק". ניגער, 7, 250.

[illegible]

געזעלשאַפֿטלעך לעבן – דאָס, בא. די אַקטיוויטעטן

פֿון פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

1906 " וועדליק דעם שטראָם פֿון אײַנפֿירונג אין

1630 געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז שוין אַזוי |...|".

גאַלאַמב, 3.

1968 " יאָסל איז געווען צווישן די אַקטיווסטע אין

1694 געזעלשאַפֿטלעכן לעבן". י. זלאַטקאָווסקי,

יזב ~~אַטוראַנצ~~ 2, ז' 722.

געזעלשאפטלעכע מיינונג - די, בא. די אַלגעמיין

אַנגענומענע אידעען ( איבערצייגונגען,נאָרמעס)

פון דער געגעבענער געמיינשאַפט אין אַ באַשטימטן

ענין, די פאָרויסגעזעענע רעאַקציע פון כלל אויף

אַ באַשטימטער אויפפירונג. % ער האָט זיך תמיד

גערעכנט מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין

זייַנע מעשים.

1951 " דער סימפּאָזיום וועגן טעאַטער האָט אויפגערודערט

1708 די געזעלשאפטלעכע מיינונג". מוקדוני, 2, 203.

געזעלשאפטלעכע אינסעקטן - אינסעקטן וואָס לעבן אין

אַ גרעסערער און אָרגאַניזירטער געמיינשאַפט.

% די בינען זיינען געזעלשאפטלעכע אינסעקטן.

געז - [redacted].

ג ע ז ע ל ש א פ ט ן  ז י ך - אוטוו. (עלט)

דזוו געזעלן זיך.

1860 " עס גיבט |=איז ניטא| קיין גרעסער צער אין

1753 דער וועלט אלס ווען קלוגע מוזן זיך געזעלשאפטן

מיט נארן". איבן י.מ. ר-ס, כסף צרוף, 7,1.

ם

גיזעלשאפטן.

1713 " אונ' דער איין ערל איז זאל זיך בית גיזעלשאפטן

1754 אן איר ווענד". מחזור, 1, סב - ד.

249 - 562

ג ע ז ע מ ד - דאס, =ן. (שנש) אַנזאַמלונג פֿון אַ סך זאַמד, זאַמדבערגלעך.

1918/1917 " קומען מיר צו די געזעמדן פֿון ראשון=לציון".

1760 יהואש, 7.

ג ע ז ע מ ל – דאָס, =ער. 1. אײַנזאַמלונג/אײַנגעלויף

פֿון אַ גרויסער צאָל מענטשן. % אַ <u>געזעמל</u> ייִדן

אויפֿן שולהויף. געזעמלעך פֿויערים און פֿויערטעס

שטייען אין מאַרק.

1868 " דאָ האָט זיך דער דוכס אַרויסגעבויגן פֿון דער

קאַרעטע און האָט געפֿרעגט: וואָס איז דאָ אַזאַ 1780

|טעקסט: אַזו אַ| <u>געזעמל</u> און אַזאַ געפֿילדער?".

<u>דיק, 40, 21</u>.

1936 " |...| אין יעדער רעדל אַרײַנגעשטעקט די נאָז,

אין יעדן <u>געזעמל</u> צוגעלייגט אַן אויער". <u>י.י.זינגער, 6, 295</u>. 1793

1974 " דער פּאַליציאַנט האָט אויפגעהויבן יאָסלען פֿון

דער ערד און אַיים אַ טרייסל געטאָן, דאָס <u>געזעמל</u> 1778

אין געוואָרן גרעסער". <u>עלבערג, 2, 51.</u>

2. אַ גרופּע, אַ חבֿרותא, אַ מחנה.

1864 " |...| כאַפּט זיך דאָרט אַרײַן צווישן אַ <u>געזעמל</u>

קהלסלײַט, דרייט און מאַכט מיט זיי נעבעך די א/1778

קאָמעדיע |...|". <u>מענדעלע, 12, 59.</u>

1944 " דאָס גאַנצע בעטלערישע <u>געזעמל</u> האָט זיך צוגערוקט

צו די טישן". <u>י. י. טרונק, 3, 108.</u> 1797

1958 " ער געהערט צו יענעם |...| קליינעם <u>געזעמל</u>

דיכטער |...| וואָס ווערן שפּעריש געבוירן אָפּגעקלערטע 1770

און באַרויִקטע". <u>ביקל, 1, 271.</u>

3. מחנה, סטייַע פֿון בעלי=חיים. % א געזעמל בינען.

... " אַט גייט אַרויס אַ יונג קאַטערל, |...| הינטער

1767 אים אַ כאַפּטע, א גאַנץ געזעמל |...|". מענדעלע, 21,25.

1957 " |...| באַפֿאַלן מיך פֿון שאַרבן ביז די פֿיס//

א/1767 קאַמאַרעס, אַסעס אין אַ פֿרעך געזעמל". לעיעלעס, 181,5.

4. (פֿיג) אַנזאַמלונג, צונויפֿנעם פֿון (אַ סך) זאַכן.

1975 " ביים געזעמל סאַסנעס, אין די ווייכע אָרעמס

ב/1767 פֿון דער קופּע שניי, איז אומבאַרירט נאָך געלעגן

צערנעס רוקזאַק". סוצקעווער, 7, 80.

5. (פֿיג) דער רעש, גערויש פֿון אַ געזעמל מענטשן.

1948 " ווי לוזי מיט אַבֿרהמלען האָבן אַזוי פֿאַרבראַכט

ג/1767 אין דער שטילער שטוב, |...| אַזוי האָט צו זיי מיט

אַ מאָל דערגרייכט עפּעס אַ ווייַטלעך געזעמל, ווי

ווען ס'ברעכט אויס אַ קריג, אַ געשלעג". נסתר, 329,6.

?נ? ג ע ז ע מ ל ע ן - טרוו. (עלט) צונויפֿזאַמלען.

% "ער וועט געזעמלען אַ געזעמל". 1800

| |
|---|
| רעד: עס זעט אויס צו זײַן אַ חדר=טײַטש אויף אַ פּסוק אין חומש. אויפֿן קאַרטל איז מער ניטאָ ווי די ציטאַטע אַליין, אונטן איז דאָ אַ נאָמען ׳פּרימער׳ (אויסשרײַבער?אויסטײַטשער?). בײַ סטוטשקאָוון ניטאָ דאָס וואָרט. |

.254 - געז
255 -

(137)

ג ע ז ע ן – 1. פֿאַר פֿון זען.

2. אַדי. געזעענע(ר). וואָס איז געזען געוואָרן.

קולטור

% ער האט גוט געדענקט אַלע געזעענע אין מוזעום.

|| געזעענערהייט – אַדוו. (זן) אין מצב פֿון זען, זעענדיק.

1921 " מיר האָבן ניט=געזעענערהייט – אין טומאה הייליקייט אַריינגעשפּונען". בראָדערזאָן, 4, 15. 1820

רעד: כ'בין מסופּק, צי מ'האָט אַ מאָל געניצט אַזאַ פֿאָרמע...

(137)

ג ע ז ע ן - 1. פֿאַר פֿון זען.

2. אדי. געזעענע(ר). וואָס איז געזען געוואָרן.

% ער האָט גוט געדענקט אַלע געזעענע קולטער אין מוזעום.

|| געזעענערהייט - אדוו. (זן) אין מצב פֿון זען, זעענדיק.

1921 " מיר האָבן ניט=געזעענערהייט - אין טומאה היילקייט אַריינגעשפּונען". בראָדערזאָן, 4, 15.

1820

........................................................

רעד: כ'בין מסופּק, צי מ'האָט אַ מאָל געניצט אַזאַ פֿאָרמע...

........................................................

ג ע ז ע נ פ ט - אדי/אדוו. (עלט) איינגענעם,

הנאהדיק, נִיחא, ליב.

1832 " זייער ווידוי וואש זייא זאגין מתודה זייערי

1826 זינד זאל זיין גזעניפט ווי א קרבן צו דיר גאט

|איך מקור: וְדוּיָם יְנוּחַח כְּשֵׁי עָדֶיךָ|". מחזור, 2, צו/ב.

ם

גיזענפט.

1822 ... "נעמנים - גזינפטט". רייכלין 8, ישעיה, יז - י.

1610 " אונ' ער ווערט פירן דיך אונ' דוא ווערשט זיין

1823 גיזענפט אונ' דוא ווערשט רופן צום שבת זענפט".

טייטש=חומש, ישעיה, נח - יג - יד (הפטורה).

|תי: זענפט=תענוג|.

1721 " גידענק דייני האפר ישראל דיין גיזענפטן

1824 טיש אן צו ריכטן". מחזור, 2, מט - ד.

?נ? ג ע ז ע נ ק ט – אדי/אדוו. (דטשמ) געזונקען,

טיף אראפגעלאזט.

... " ביים קבר שטייט דארט מיט געבעט// די פרייהייט

1828 מיט געזענקטן בליק |...|". י. זיילין, פיס 143א, ב׳ II, ז׳ 188.

~~ציט מינקאוו, פיאנערן |...|, II, ז׳ 188.~~

געזעס – דאָס/דער, =ן. 1. דער טייל פֿון קערפּער
אויף וועלכן מע זיצט; הינטער=חלק, גראָב פֿלייש.
% דאָס געזעס טוט אים שוין ווײ פֿון זיצן און
וואַרטן אַזוי לאַנג.

1908 " אַך, מיר ייִדן, יאַ מערידן,// דאָס איז ווירקלעך
נאָר אַ נס. הערט! אַ קרענק גאָר אין געזעס, // און 1842
שוין אויסזען נאָר אַ מת!". ראָזענפֿעלד, 254,2.

1930–1926 " לייבקע האָט זיך |...| אָפּגעשאָקלט פֿון די
קלעפּ, ווי אַ הינטל, וואָס שפּרינגט אַרויס פֿון וואַסער, 1865
זיך געטאָפּט פֿאַרן צעקלאַפּטן געזעס און געוואָלט
מאַכן פּליטה". אָפּאַטאָשו, 5, 163.

1948 " מײַנע אויגן זײַנען מיד פֿון צו קוקן, מײַן
געזעס - פֿון צו זיצן, און איך פֿאַרלאָז דאָס אָרט". א/1865
נסתר, 6, 26.

2. דער טייל פֿון אַ מעבלשטיק (שטול, סאָפֿע א"א) וווּ
מע זיצט. % אויפֿן פֿון בענקל (געזעס) ליגט אַ קישעלע.
דאָס געזעס איז ווייך אויסגעבעט. ער קען זיך ניט
אויפֿהייבן פֿון געזעס.

1895 " דער מחותן האָט אָפּירגענומען פֿון אונטערן
געזעס אַ שטר |...| אויף זײַן גאַנצן מאַיאָנטעק". 1861
ליניעצקי, 9, 101.

1925 " גיב אַ קוק, פּראָפֿעסאָר, |...| קאָן זײַן אַז
'פּודעל' האָט אָנגעמאַכט אויפֿן געזעס". י.י.זינגער,3,286. 1866

1975 " פֿאַר דעם שפּיגל,|...| דערנעבן איז געשטאַנען
אַ שטול מיט בײַנערנע אָנלענען און אַ פּלױשן געזעס". א/1866
באַשעוויס, 6, 2.

3. זיצפּלאַץ אין אַ וואָגן, קאַרעטע, וואַגאָן. % דער
בעל=עגלה האָט אונטערגעבעט די <u>געזעסן</u> מיט שטרוי און
איבערגעדעקט מיט אַ זאַק. די <u>געזעסן</u> אין וואַגאָן
ערשטע קלאַס זײַנען ווייכע.

1888 " |די קו האָט| אַן גרויסע צערעמאָניעס זיך
אַרײַנגעשטעקט די מאָרדע אונטער איר <u>געזעס</u> און 1833
אַרויסגעשלעפּט אַ פֿול מויל מיט שטרוי". <u>מענדעלע,3,94.</u>

1926 " אונטער זײַן באַנק |פֿון וואַגאָן| האָבן זיי
|די שמוגלערס| אַנגעלייגט אַ סך ברויט צווישן די 1870
ברעטלעך פֿון <u>געזעס</u>". <u>בערגמאַן, 1, 99.</u>

1948 " ער האָט זיך אַפּילו פֿאַרגונען צו האָבן צוויי
פֿאַיעטאָנען: איינעם אַ קליינעם, מיט אַ הויכלעכן קאנק
<u>געזעס,</u> אַ מין קאַבריאָלעט, צו זײַן אייגענעם געברויך
|...|". <u>נסתר, 6, 149.</u>

4. (בײַ עופֿות) דאָס אָרט וווּ ס'ווערן אויסגעבריט
(אויסגעזעסן) די אייער.

|1959?| " הייבט זיך בושעליכע אויפֿעט // פֿון געזעס,
1864 פֿון נעסט פֿון אירן". בראַדערזאָן, 8, 208.

5. (שנײַדערײַ) דער טייל פֿון די הויזן וואָס אויף
1857 אים זיצט מען. |ש. ווינטער, ~~דב פש~~ II, 1930, ז' 421|.

1930–1926 " די פֿאַרב |פֿון פּריש אויסגעפֿאַרבטן וואַגאָן|
1831 האָט געהאַט אַ טבֿע זיך אַרײַנצוקלעפּן אין געזעס אַרײַן".
אַפּאַטאָשו, 5, 143.

1941 " האט חנון גענומען דודס קנעכט און |...|
1844 אָפּגעשניטן זײערע קליידער אין העלפֿט ביז זײער
געזעס". תרגום יהואש, שמואל 2, י' - 4.

6. (עלט), ווינקאָרט, יישוב.

1872 " איך וועל העלפֿן זיי פֿון אַלע אירע געזעס,

1846 ווו זיי האָבן עבֿירות געטאָן". צאינה וראינה, 3,הפטורת ויגש.

**געזעסל** —

|| דאָס =ער. 1. דזוו געזעס (בייַ קינדער).

1909 " |...| די אַלטע באָבע |...| האָט מיך פֿאַרטאַסקעט

1883 |=פֿאַרשלעפּט| איך קיך אַרייַן און אויפֿגעהויבן מיך בייַם געזעסל, מחילה, אויף איר דאַלאָניע צום עק אויפֿן=אויוון". ליניעצקי, 11, 7.

1925 " קינדער מיט אַן אַנקרייטיקער הויט אָדער מיט אַ

1881 וווּנדיקן געזעסל רייניקט מען ניט מיט וואַסער, נאָר מיט אייל". ~~זש' פגעז~~ פּער 151, נ' 4.

2. דזוו דפּוו (בייַ בעלי=חיים).

1911 " באַלד בייַם אַרויסקריכן פֿונעם איי, שטיקלעך

1830 שאָלעכץ האָב נאָך געקלעפּט אויפֿן געזעסל, האָבן זיי |די הינדעלעך| זיך שוין אַ שטעל געגעבן אויף די פּיסלעך |...|". מענדעלע, 9, 78 |?75|.

1963 " ס'איז צורכגעלאפן א קראליק מיט א ווייס געזעסל".

1880 גראדע, ~~צ' טמד~~ פּער 69, X/2.

0 געזעסביין - דער, =ער.

געזעס-מוסקול - דער, =ן; געזעסנערוו - דער, =ן, (אנאט).

געשוואלן זאל דיר ווערן ס'געזעס פון זיצן שבעה -

1843 זייער שארפע קללה |באשעוויס, ~~צ' פאר~~ פּער 155|.

ם גיזעש/גיזעס.

2. ←---

1610 " גיזעש פון דיא ורוייא די דא צו קינד גיט".

1850 טײַטש=חומש (רשי), שמות, א - טז. |תי: בראכשטול|.

1676 " דיא פרויא דיא דא דינט אונרייניקייט די פֿר

אונרייניקט דען שטול אירש גיזעש, דש מיינט זיא 1863

זיצט אויף איינר זייטן מיט אלי בײדי פֿוש |...|".

ברנט שפיגל, פרק טו׳.

.3 <----

1739 " היטי דיך ניט אויבן אן צו זיצן, דען דיזוז

איזט אייך אבצוג גיזעס". |אם [אין] מקור: מושב נסיעה|". 1835

ס׳ מבחר הפנינים, דף י"ח - ז.

.5ה<----

1610 " ניט איר זאלט אן צינדן אייך פייאר אין אל אייערם

גיזעש אם טאג דען שבת". טייטש=חומש, שמות, לב [לה] - ג. 1849

1716 " אין אל אייער גיזעס ווערן דיא שטעט חרוב ווערן".

ס׳ המגיד, 3, יחזקאל, ו׳ - ו׳. 1855

265 - גיז

געץ - [redacted].

|| גיזעסהאפטיג(ט) - אדור. באוווינט, ווו מע וווינט.

1696 " זיא זייך גיוועזן פאר ערט |=פאראירט=פארבלאנדזשעט|

1879 אין דר (מדבר) אין (ישימון) וועג שטאט גיזעסהאפטיגט

|מקור: עיר מושב| ניט זי האבן גיפונדן". |סידור|

תפלה למשה, דף שעו - II.

266 —

ג ע ז ע ס ן  -  1. פאר פון זיצן.

267 – גזל

2, גע ז ע ס ע נ ע(ר) – די/דער, =ע. אַ מענטש וואָס איז געזעסן אין תּפיסה. % דער פֿאַרשוין איז שוין אַ געזעסענער פֿאַר גניבֿה.

1929 " ניַיע, נאָך נישט געזעסענע, האָט מען אויך עטלעכע גענומען, אַזעלכע וואָס די פּאָליציי האָט שוין באַזונדער אויפֿן אויג געהאַט". האראַנטשיק, 2, 45.

267|1 - געז

(143)

(?ב?) געזע(ע)נערהייט - אדוו. (זז) איך

מצב פון זען, זעענדיק.

1921 " מיר האבן ניט=געזענערהייט - איך טומאה הייליקייט

1820 אריינגעשפונען ". בראדערזאן, 4, 15.

---

רעד: כ'בין מסופק צי מ'האט א מאל געניצט אזא

פארמע...

268 געז - [illegible].

ג ע ז ע ץ - <u>דאָס/דער, =ן.</u> 1. אָפּיציעלער אַקט,

וואָס איז אַרויסגעגעבן דורך אַ באַרופֿענער הויכער

מלוכה=אינסטאַנץ (פּאַרלאַמענט, רעגירונג אַע)

און וואָס נאָרמירט אַ באַשטימטן אָפּשניט פֿון לעבן אין דער

געגעבענער מדינה. % דאָס <u>געזעץ</u> וועגן אַלגעמיינעם

וואַלרעכט. מען האָט געענדערט דאָס געזעץ פֿון

הכנסה=שטייער. קאָדעקס פֿון <u>געזעצן</u>. אויספֿאָלגן

דאָס <u>געזעץ</u>. עובר זיין אויף דעם <u>געזעץ</u>.

פֿירן זיך לויטן <u>געזעץ</u>. דאָס איז אין הסכם מיטן

<u>געזעץ</u>. האַרבע, שטרענגע <u>געזעצן</u>.

1838 " עש אין יוא איין גיזעץ ביי די בעלי=משפטים,

אז נימאנד קאן פר איין שלדגיר אן גיזעהן ווערן, 1967

ביז ער ניט פון צוויי עדים נאמנים איבר גיצייגט

ווערט". <u>פאוויר, 2, ג - II.</u>

1900 " די געזעצן קעגן קאָאַליציאָן |...| האָבן די
באַזיצנדע קלאַסן געהאַלטן פֿאַר זייער נייטיק, כדי 1935
צו צעשטערן די שעדלעכע צילן פֿון די אַרבעטער".
אַנ. די געשיכטע פֿון די ענגלישע |...|, 1, 28.

1925 "אין פּרינציפּ שטעלט דער <u>געזעץ</u> איין א
נאָרמאַלן אָפּצאָל פֿון ברוטאָ=אומזאַץ, וועלכן יעדער 1957
געשעפֿט מאַכט |...|". <u>שמויש, 1, 119.</u>

1951 " |...| דער <u>געזעץ</u> וועגן אַגראַר=רעפֿאָרעם
|האָט| פֿאַרשטעלט דעם וועג צו ערדאַרבעט פֿאַר דער 2028
יידישער באַפֿעלקערונג". <u>ע. ווידאַנס, ~~זב לעטע 1~~ 244,</u>. (פֿריר 106,)

2. (<u>באַ</u>) עקזיסטענץ פֿון געזעץ(ן) בכלל, פֿון געזעצלעכער
אָרדענונג (להיפּך צו הפקרות). % אין דעם לאַנד איז
אַ כאָאָס, ניטאָ קיין <u>געזעץ</u> און קיין אָרדענונג.

1873 " גוואַלד, ווו איז דאָס <u>געזעץ</u>? ווו איז דאָס
מענטשלעכקייט?". <u>מענדעלע, 1, קאַנק 330660.</u>

1930 " |...| און דאָס וואָס זיי געפֿינען, נעמט ער

|דער אַמעריקאַנער| צו, מיט דעם אונטערשייד, וואָס 1989

אַ מאָל פֿלעגט ער נעמען מיטן רעוואָלווער, הײַנט –

מיטן געזעץ". איינהאָרן, 7, 203.

1975 " דער גאַנצער פּראָצעס קעגן מיר איז געווען אַ

ווילדע אויסטראַכטעניש, |...| די פּאָליציאַנטן, די א/1989

היטער פֿון געזעץ, האָבן געזאָגט פֿאַלש עדות".

באַשעוויס, 6, 262.

3. (עלט) געבאָטן פֿון גאָט, רעליגיעזע דאָגמע, מצווה.

1851 " איר זאָלט היטן די מצוות פֿון גאָט אייער גאָט [...]

און זיינע באַצייגעניש |...| און זיינע געזעץ". 1961

איבן, חומש עם עברי טייטש, דברים, ו – יז.

1875 " אײַך האָט גאָט געזעץ, משפּטים געגעבן ווי זיך

אויפֿצופֿירן און ווי צו לעבן". מענדעלע, 106,19. 2007

1930 " איך האָב קיין מאָל ניט באַטרעטן דאָס קדשי=

קדשים פֿון אײַער טעמפּל |...|. איך האָב געאַכט אײַערע 1943

געזעצן". י.י. טרונק, 2, 374.

1943 " ס'זאלן זיך |...| פון דארט יינגלשע ווארעם

271

זינגענדיקע קולות הערן, וואס לערנענדיק דעם גאטס

<u>געזעצן</u> און געבאטן, דינען זיי צו אים און ווערן אים

פאררעכנט ווי קרבנות". <u>נסתר, 5, 32.</u>

4. אנגענומענער מינהג, נארמע פון אויפפירן זיך.

% <u>געזעצן</u> פון שותפות.

1889 "דער קעניג איז צו דעם דאקטאר צוגעגאנגען

און געזאגט: אייער אידעלע געזינונג, אייער פיינער 2035

כאראקטער מאכט מיך באשעמען |שעמען זיך|, איך זע,

דאס איך |...| האב נישט גוט געהאנדלט נאך די

<u>געזעצ</u> פון דער מענטשן=ליבע". <u>איבז ראזענבלאט, 1, ז'38</u>.

געז - 106.

1848 " ה' דודי וואלט דאך , לויט אלע <u>געזעצן</u>,

באדארפט |...| מיטפילן, פארשטיין און ניט ארויס [illegible]

גלייך מיט דער רוט און ניט דן זיין צום שלעכטן |...|".

<u>נסתר 6, 215.</u>

~~106~~ - 5?8

272

5. פּרינציפּן, וואָס רעגירן אין פּראָצעסן פֿון דער נאַטור

אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, גרונט=

פֿעסטשטעלונגען אין פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן.

% דאָס געזעץ פֿון אויפֿהיטן די ענערגיע. דאָס

געזעץ פֿון עוואָלוציע אין דער אָרגאַנישער וועלט.

היסטאָרישע געזעצן. אַרכימעדעסעס געזעץ.

געזעץ פֿון באָיל און מאַריאָט. דאָס געזעץ פֿון אייַנפֿאַכע

אָדער פֿילפֿאַכע פֿאַרהאַלטענישן פֿון צאָלן. די געזעצן

פֿון דער שפּראַך, פֿון דער גראַמאַטיק.

1873 " אַלצדינג | אין דער נאַטור | רירט און באַוועגט

זיך דורך אייביקע גערעכטיקע געזעצן". 1942

מענדעלע, 1, קאַנק 286880.

273

1917 " אין זיין בויען אויף די 'אייזערנע געזעצן'

1940 האט דער 'בונד' בתמימות געמיינט, אז זיי זענען

די איינציקע געזעצן, וואס דער ייד קאן ניט ארומגיין".

זשיטלאווסקי, 6, 224.

1923 " אזא כאראקטער האט געטראגן ניוטאנס גרויסער

2004 איינפאכער און דאך אומפארשטענדלעכער געזעץ

פון צוציונגס=קראפט". גוטנבוים,1, 10.

6. כללים, תקנות אין פארשיידענע שפילן, פארמעסטונגען אע.

% די אלימפישע געזעצן. געזעצן פון שאכשפיל.

דער ריכטער האט געפסקנט א שטראפגאל פאר עובר זיין

אויף א געזעץ פון פוטבאל, וואס פארבאט אנצורירן

דעם באלעם מיט דער האנט.

1931 " איז דער יאַט געלעגן אַריבערגעוואָרפֿן אויף

א/1997 די לאַפּאַטקעס לויט די אַלע געזעצן פֿון דער דאַזיקער

האַרבער ווייסנשאַפֿט |פֿון אַטלעטן=קאַמף|".

מ. קולבאַק, 8, 47.

0 געזעץ=אויסטייטשער - דער, =ס. דער וואָס אינטער-

פּרעטירט, קאָמענטירט דאָס געזעץ, אויך קענער פֿון געזעץ.

1943 " נאָך זיי זיינען געזעסן די געזעץ=אויסטייטשער".

2059 אש, 14א, 292.

געזעצבלאַט - דאָס, ~, בלעטער. אָפֿיציעלע צייטונג,

ווו ס'ווערן פּובליקירט די געזעצן פֿון דער מדינה.

1947 " |...| פֿון 1942 אָן ווערן שוין ייִדן במלל ניט

2064 דערמאָנט אין די געזעצבלעטער |...|".

מ. וויינרייך, 5, 212.

275 געזעצ=ברעכונג – די, =ען. דאָס עובֿר זײַן אויפֿן געזעץ; פֿאַרברעכן.

... "די צאָל געזעצ=ברעכונגען, וואָס זײַנען באַוווּסט דער פּאָליציי". ~~זב. ייבל~~ פּנר 94 XXXIV, 130. 2066

געזעצ=ברעכער – דער, =ס. דער וואָס איז עובֿר אויף אַ געזעץ; פֿאַרברעכער.

געזעצ=ברעכערײַ – דאָס, בא. דזוו געזעצ=ברעכונג.

געזעצברעכעריש – אַדי. קרימינאַל.

געזעצ=היטער – דער, =ס. 1. דער וואָס גייט ניט קעגן געזעץ.

2. דער וואָס גיט אַכטונג, מע זאָל ניט עובֿר זײַן אויף די געזעצן (אָנגעשטעלטע פֿון פּאָליציי, געריכט).

געזעץ=וועכטער - דער, =ס. דזוו געזעץ=היטער, ב׳ 2.

1966 " עטלעכע געזעץ=וועכטער האָבן גלײַך באַריטן

די פֿערד |...|". נאדיר, 14, 263. 2041

געזעצליבנדיק - אַדי. וואָס היט אָפּ, פֿאָלגט די געזעצן.

1964 " |...| די נאַצי=מערדערס האָבן זיך פֿאַרטיידיקט,

אַז זיי האָבן בלויז אויסגעפֿאָלגט באַפֿעלן, האָבן 2172

זיך באַטראַכט פֿאַר געזעצליבנדיקע מענטשן".

פּאָר פּט,

גלאַטשטיין, צ׳ ~~שמט~~, IX/27.

געזעץ=לערנער - דער, =ס. (עלט) געזעצגעבער.

1885 " דער קיניג פֿון יעקב איז איין שטאַרקייט פֿאַר

אונדז, ער איז אונדזער געזעצלערנער און אונדזער 2188

העלפֿער". מחזור, 3, 14. |׳געזעץ=לערנער׳ -

טײַטש פֿון מחוקקני׳|.

**געזעץ=פּראָיעקט** - דער, =ן. אַ געזעץ אין דער פֿאַזע אײדער ער ווערט אָנגענומען דורך דער באַרופֿענער אינסטאַנץ.

1947 "אין אַפּריל 1926 - אַן עפֿנטלעכער פּראָטעסט=מיטינג פֿון יוגנטלעכע אַרבעטער אין שײַכות מיטן **געזעץ=פּראָיעקט** |...| צוצונעמען בײַ דער יוגנט דאָס פֿאַרזאַמלונג=רעכט". י. קענער, ~~יזב טשענסטאָכאָוו~~, ז' 147. 2203

**געזעץ=קאָדעקס** - דער, =ן. צונויפֿשטעל פֿון אַ סך אָדער אַלע געזעצן אין דער געגעבענער מדינה, אויך אַ זאַמלונג פֿון געזעצן וועגן באַשטימטע ענינים, פֿון אַ באַשטימטן צונויפֿשטעלער.

1951 "אַ גאַנץ באַזונדערן פּלאַץ האָט אין די מאָדערנע ליטווישע ישיבֿות פֿאַרנומען דאָס לערנען די ספֿרים פֿון רמב"ם, הויפּטזעכלעך זײַן **געזעץ=קאָדעקס** - 'יד החזקה'". ש. אַטלאַס, ~~זב ליטע, 1~~, 611. 2206

<u>געזעץ=קענטעניש</u> — <u>דאס, בא.</u> יוריספרודענץ.

% ער וויל שטודירן <u>געזעץ=קענטעניש</u> און ווערן אן אדוואקאט.

<u>געזעץ=קענטשאפט</u> — <u>די, בא.</u> <u>דזוו דפוו</u>.

<u>געזעץ=קענער</u> — <u>דער, =ס.</u> 1. דער וואס קען גוט די געזעצן.

1968 " |...| דאס איז די מדרגה פון א <u>געזעץ=קענער</u>, וואס וויל דערגרונטעווען דעם פארוואס דער 2208
וועלט=רעגירער האט געהאנדלט אזוי און נישט אנדערש". <u>ש. ביקל, ~~צ' טמז~~ פאר 69, 27/IX.</u>

<u>געזעץ=קריצער</u> — <u>דער, =ס.</u> (<u>עלט, חומש=טייטש</u>) געזעץ=געבער, דער וואס שאפט געזעצן.

1936 " און אפֿרים איז דער שוצקיווער פֿון מײַן קאָפּ,
יהודה איז מײַן געזעץ=קריצער". איבן גראס, 2212
תהילים, קח - 9. |יהואש טײַטש גאָר אַנדערש:
מחוקקי - מײַן צעפּטער.|

1956 " אין טונקל פֿון דער וועלט,// זיצט דער משוגענער
געזעץ=קריצער // און האַקט אויס נײַע געבאָטן". 2211
גלאַטשטײַן, 1.

געזעצשול - די, =ן. הויכשול ווו מע לערנט יוריספּרודענץ.

1965 " אַ דאַנק זײַן אַקאַדעמישער בילדונג האָט מען אים
אויפֿגענומען אַלס לעקטאָר אין |...| מאַניטאָבער 2214
פּ״ו 107,
געזעצשול". ~~זב. ליטע,~~ 2, 829.

-==~~=========~~

**אָננעמען אַ געזעץ** – דיסקוטירן און באַשטעטיקן אַ
געזעץ דורך אַ באַרופֿענער געזעצגעבערישער אינסטאַנץ
(פּאַרלאַמענט, סענאַט אאַ).

**אָפּוואַרפֿן אַ געזעץ** – נישט באַשטעטיקן דורך דער באַרופֿענער
אינסטאַנץ.

**אָפּרופֿן אַ געזעץ** – אַנולירן אַ געזעץ וואָס איז פֿריִער
אָנגענומען געוואָרן.

**האַלטן (פֿירן) זיך לויטן אות פֿון געזעץ** – אויספֿירן
פּינקטלעך דאָס געזעץ, ניט אָפּטרעטנדיק גאָרניט, אָן קיין
שום צוגאָבן, קאָמענטאַרן.

**נעמען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט** – געזאָגט וועגן
עמעצן וואָס נעמט זיך דאָס רעכט צו באַשטראָפֿן עמעצן
פֿאַר אַ פֿאַרברעכן אָדער עוולה וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען
געוואָרן, אָן אַ מישפּט.

<u>אָפּטרעטן פֿון געזעץ</u> (<u>וואָר: אַרומגיין, אויסמיידן דאָס געזעץ</u>) – דורך פֿאַרשיידענע פֿאַלשע וועגן ניט אויספֿירן דאָס געזעץ.

<u>ברעכן דאָס געזעץ</u> – טאָן עפּעס וואָס איז קעגן דעם געזעץ.

<u>אָפּעלירן צום געזעץ</u> – ווענדן זיך צום געריכט וועגן אַן עוולה, אומגערעכטיקייט.

<u>שטעלן אויסערן געזעץ</u> – צונעמען פֿון אַ פּערזאָן אָדער פֿון אַן אינסטיטוציע די רעכט און שוץ וואָס זיינען גאַראַנטירט לויט די געזעצן פֿון דער מדינה.

1951 " |...| די ייִדן האָט מען אָװעקגעשטעלט אױסערן

געזעץ". ~~ל. שטײן, דב ליטע, 1,~~ 109. 2019

כרך 106,

אומגעשריבענע געזעצן – מינהגים, אײַנפֿירונגען,

נאָרמעס פֿון באַציִונגען װאָס זײַנען אָנגענומען

אין דער געגעבענער סבֿיבֿה, געזעלשאַפֿט.

ם

גיזעץ/גיזאַץ.

.1 ←---

1661 " זיא װאלטן אױף ריכטן איין גיזאַץ אונ׳ זיא

װאלטן פר שניידן איין זיכרהייט איבר דען דניאל אין 1961

צו בישעדיגן". יוסיפון, 2, יג.

.3 ←---

1626 " טוא גוט מיט מיר דייך קנעכט אז דייך חסד אויש

ווייזט אונ׳ לערן מיך דייך געזעץ". ס׳ המגיד. 1999

1, תהילים, קיט - קכד.

1723 " יום שבת אונ דיא הייליגי תורה, ווער דיא צווייא

געזעץ טוט ניט איבר טרעטין אונ טוט פלייסיג צו 1948

גאט בעטן דער דארף פר ניקש האבין מורא".

שמחת הנפש !!.

.5 <----

1743 " דען ער האט דש זעלביג מאל גמאכט דען (פיוט)

דר זיך אן פאנגט (אדון חסדיך) אונ׳ ער האט 2000

גהאלטן אן דש געזעץ דש זיך זאל אנפאנגן מיט דיא

(רי"ש)". שארית ישראל, דף סא - !!.

284

געץ - [redacted].

|| <u>גיזאצונג</u> - געזעצן, געזעצגעבונג.

1668 " אונ' איך דא איז ער |דער געזעץ| גימאכט

נוך די <u>גיזאצונג</u> פרס אונ' מדי |...|". 2103

<u>יוסיפון, 3, יג - II.</u>

געזעצבוך - דאָס/דער, ~ ביכער. (עלט)

זאַמלונג פֿון געזעצן, קאָדעקס פֿון געזעצן.

1866 "אַז די פּאַראַגראַפֿן 203 און 204 פֿון דעם געזעצבוך

איבער שטראָפֿן |...| זענען אָפּגעשאַפֿט". 2062

~~צ׳ קמ~~ פֿאָר 177, נ׳ 27, ז׳ 414.

1911 "דאָס עסטרײַכישע רעכט אָנערקענט נאָר דעמאָלט

אַ ייִדישע עהע |=חתונה| פֿאַר געזעצלעך, ווען זי 2039

איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן נאָך די פֿאָרשריפֿטן |...|

פֿונעם אַלגעמײנעם בירגערלעכן געזעצבוך".

מ. רינגעל, ~~זב ייִדישער קאַלענדאַר~~ פֿאָר 79.

1973 "פֿון אַ דאָקומענט אין דיפּלאָמאַטישן געזעצבוך

|פֿון| דעם 11 אָקטאָבער 1456 איז צו זען, אַז אין 1971

יענער אָפּאַכע האָט שוין עקזיסטירט זאַווירטשע |...|".

יזב ~~טאָסנאָווליעץ~~ 16, ז׳ 152.

געזעץ=געבונג - די, =ען. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אַרויסגעבן געזעצן, אויך דער כּלל

אין אַ געגעבענער מדינה.

1865 " וואָס באַלאַנגט דער געזעץ=געבונג |...|

2074 אָדער אין געריכטלעכע זאַכן |...| זענען אַלע גאָר

גלײַך מיט די היימישע קריסטן". צ' קמ. נ' 43, ז' 651.

1917 " עס איז געוויס אַן עוולה, וואָס אין דער

2078 געזעץ=געבונג מאַכט מען פֿאַר ייִדן באַזונדערע אָפּצאַמונגען

צוליב רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פֿאַראורטיילן".

זשיטלאָווסקי, 6, 47.

1951 " |...| דאָס אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן די

2073 ייִדן, איז אַ דירעקטער |...| רעזולטאַט פֿון דער

קלאָגעדיקער לאַגע, אין וועלכער די געזעץ=געבונג

האָט זיי אָוועקגעשטעלט". ג. אַראָנסאָן, דב ליטע, 214.

ג ע ז ע צ ג ע ב נ ד י ק  –  אדי, פּפּ (דטשמ) געזעצגעבנדע.
וואָס איז באַרופֿן אַרויסצוגעבן געזעצן.
%געזעצגעבנדיקע אָרגאַנען פֿון דער מלוכה. די כּנסת
איז די געזעצגעבנדיקע אינסטאַנץ פֿון מדינת=ישראל.

1865 " דעם 10טן מערץ איז |...| געשטאָרבן דער פּרעזידענט
פֿון דער געזעצגעבנדער קאַמער |...|". (פאר 177, 2086
~~צ' קמ~~, נ' 10, ז' 145.

1951 " זיי |די ראשי המדינה| זײַנען געווען די
געזעצגעבנדיקע און אויספֿירנדיקע פֿאַרשטייערשאַפֿט 2085
פֿון וועד". מ. ווישניצער, ~~זב ליטע, 1~~, 180.
(פאר 106,)

ג ע ז ע ץ=ג ע ב ע ר - דער,ס=. דער וואָס גיט
אַרויס געזעצן, וואָס איז באַרופֿן אַרויסצוגעבן געזעצן.
% די דעפּוטאַטן פֿון פּאַרלאַמענט זענען די געזעץ=געבערס.

1889 " דער ערשטער געזעץ=געבער אונדזערער, משה רבינו ע"ה,
|...| האָט ריינע ווערטער געזאָגט, אַז אַ בן=סורר=ומורה 2036
|...| זאָל מען אַ טויטשטראָף געבן". העלפמאַן, 1, 16.

1923 " און זייער ריכטיק טאַקע האָבן די יִדישע געזעצגעבער
אײַנגעפֿונען דעם מעטאָד פֿון שחיטה פֿאַר דעם |...| 2093
אַמוייניקסטן אַכזריותדיק". ש. לאַקערמאַן, זכרונות ב' 7-8.

1948 " עפּעס אַן איבערגעלאָדענער חכם, אַ טרויעריקער |...|
געזעצגעבער, וואָס דענקט צו באַזאָרגן אַלע וועלטן |...| 2093/א
מיטן סאַמע |...| טרעפֿלעכסטן געזעץ". נסתר, 6, 25.

|| געזעץ=געבעריי - דאָס, בא. דאָס אַרויסגעבן געזעצן.
% דער פּאַרלאַמענט פֿאַרנעמט זיך מיט געזעץ=געבעריי.

ג ע ז ע צ ג ע ב ע ר י ש  – אדי. דזוו געזעצגעבנדיק..

% געזעצגעבערישע מאכט. די געזעצגעבערישע

אינסטאנצן פון די פאראייניקטע שטאטן זיינען דער

קאנגרעס און דער סענאט.

1951 " די יידן |...| האבן צום ערשטן מאל אין זייער

2097 לאנגיאריקער געשיכטע באקומען די מיגלעכקייט צו

האבן אין די געזעצגעבערישע ארגאנען זייערע |...|

פארטרעטער". ל. לעווענשטיין, ~~זב ליטע, 1~~, 290. פאר 106

1964 " זיי |די "יודנראטלער"| האבן נישט דורכגעפירט

2101 קיין געזעצגעבערישע אדער אויספירערישע פונקציעס |...|".

פ. סאנדלער, ~~צ' טמז~~, X/6. פאר 64

געזעצט - 1. פאר פון זעצן (טוויקלען). און ד

2. (פיג) מיושבדיק, באדאכט, סאליד אין כאראקטער. ~~איבל/אידל~~.

% דער יונגער=מאן פירט זיך שוין ווי אן אמתער און געזעצטער בעל=הבית. דער ייִד רעדט געלאסן, געזעצט.

1895 " געזעצטע מענטשלעך מיט פעטע בייכלעך מאכן: עס, כ'לעבן, ס'איז אין גאנצן אן אויסגעבלאזן איי". 2114

מענדעלע, 7א, 18.

1929 " |...| דערציילט ער אויף זיין געזעצטן שטייגער, אז דערווייל האט מען אויסגעפילועלט אפלייגן 2129

דאס דינען ביז נאך די שטודיעס". מ. ווינער,2, 98.

1973 " |...| זינט דעמאלט איז זי א ביסל געזעצטער געווארן, קיילע=חיה". 2132

אליצקי, 5, 393.

3. (פיג) סאליד פיזיש, פעסט געבויט, קרעפטיק.

1943 " די מיידלעך אָבער זײַנען אַלע געזעצטע,
2115 איינע אױך איינע, מיט הויכע בוזעמס און ברייטע
ווייכע היפּטן". דעמבלין, 3, 9.

1949 " די שפּאַרנדיקע כּוחות אין דעם נישט=
2152 איבעריק געוויקסיקן אָבער קרעפּטיקן און געזעצטן
בחור |...|". י. י. זינגער, 9, 8.

4. (פּיג) באַשטימט (פּון פּאַרויס), אָפּגעשטימט, פּעסטגעשטעלט.

1881 " זאָלסטו מיר געבן מײַן געזעצטע שפּײַז, מיר
2112 און מײַן הויזגעזינד". אנ. איין נייעס תחנה.

1951 " זונדל האָט אָפּגעהיט אין דער פּרי די געזעצטע
2128 צײַט, ווען דער גראַף קוקט איבער בײַ זיך אין
יאַגדהויז די ביקסן". שעליובסקי, 2, 147.

|| געזעצטקייט – די, בא. אייגנשאפט פון זיין געזעצט, ב 1.

1893 " |...| צוליב זיין אומגעשטיקטקייט אין ער איר
טאקע געפעלן געווארן, וואס דאס ווייזט אויף 2162
געזעצטקייט". גוידא, 1, 34.

1947 " אויב מע וועט נאר אזוי היטן, וועט ער שוין
ניט ארויפפליען, – האט צוגעגעבן שמואל=נחום מיט 2163
דער געזעצטקייט פון א ניכטערן". דאבין, 1, 93.

∠7 געזעצטער פריין – פעסטער אפגעשטימטער פריין.

געזעצטע מילך – זויערמילך.

1928 " צו עסן איז נישטא קיין סך – האניק מיט
ברויט פאר די קינדער, א געזעצט טעפל מיט מילך 2108
פאר די דערוואקסענע". נאדיר, 2.

רעד: דעם אויסטייטש נעם איך פון א צווייט קארטל
פון א זאמלער. אבער מע קען אויך טייטשן
"א געזעצט טעפל" – א סאליד, היפש גרויס טעפל

ם

**גיזעצט.**

.4 <----

1626 " נוך גימעסטן אונ' גיזעצט זיינן דיא טעג
פון מענשן". ס' המגיד, 1, תהילים, לט – ו'. 2133

1716 " טוא גישווינד אלי טאג דיין גיזעצטי זאך,
דען דר טוט |=טויט| שיקט אלי טאג זיין פייל אונ' 2047
בליץ". חובות הלבבות, דף קיז – II.

293/1 - גע

151

ג ע ז ע צ ט !! - פאַר און פֿאַדי פון זעצן (אין דרוקעריי).

געזעצט ווערן/זײַן – (עלט) באַשטימט

ווערן/זײַן, נאָמינירט ווערן/זײַן (עפּעס צו טאָן,
אָנצופֿירן מיט עפּעס/עמעצן), ווערן/זײַן אַ ממונה איבער
עפּעס/עמעצן.

1815 " אונ זיי האבין גיהאט מענשין וואס זיי זענין 2146
גיזעצט גיוועזן דראַף זיי זאלין אכטונג געבין
אויף איטליכן |...|". בראסלעווער, מעשה מבעל
תפלה. ז' נא/ב.

1850 " ווען דער מענש וויל ליגן מיט זיין ווייב 2143
|...| טוט הקב"ה איין ווינק צו דעם מלאך וואס
ער איז געזעצט איבער |...| טראגן און זיין נאמען
איז לילה |...|". מכיר, 2. 31.

1919 " וואס גייסטו זיך אָננעמען גאָטס עוולה? 2147
ביסט געזעצט אויף תיקון=מדינה, אַז זיי זאָלן
קיינעם נישט אָנפּרײַערן". בימקא, 1. 7.

ם גיזעצט (זיין)

1676 " |...| איך בין גיזעצט אויבר דיא לייט דיא

2120 מן איין זעצט אין דיא תפיסה". ברנט שפיגל, פרק י"ד.

1716 " |...| דער הויבט מאן דער איבר די טויזנט

2142 גיזעצט איז |...|". ס' המגיד, 3, שופטים,

דף כד - ??.

|| דער געזעצטער - דער ממונה, דער נאמינירטער.

1626 " |...| דער שעכט הר פון מלך כלומר דער

2158 גיזעצטער פון מלך צו דער שלאגן די לייט דיא

חייב מיתה זיין". ס' המגיד, 1, דניאל, ב - יד.

ג ע ז ע צ י ק – אַדי/אַדוו. (שנש) 1. וואָס געשעט,
קומט פֿאַר קאָנסעקווענט לויט געוויסע געזעצן, באַרמעס;
געזעצמעסיק. % געוויסע היסטאָריקער האַלטן, אַז די
ענדערונגען אין דער געזעלשאַפֿט זײַנען ניט קיין
צופֿעליקע כאַאָטישע געשעענישן, נאָר געזעציקע
פּראָצעסן.

2. (נש) געזעצלעך, לעגאַל |אוו|.

|| געזעציקייט – די, =ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון
זײַן געזעציק; געזעצמעסיקייט.

1939 " |...| די געשיכטע פֿון דער שרײַבקונסט איז
ניט אַזאַ מיש=מאַש, ווי עס קען זיך דוכטן אין פֿלוג. 2166
ס'איז פֿאַראַן אַ געוויסע געזעציקייט אין דער
אַנטוויקלונג". מ. ווײַנרײַך. 4. 90.

1962 " מע וועט אפשר קענען אויפֿדעקן געזעציקייטן,
ווי אַזוי עס דרינגען אַרײַן אין יידיש 'שפּראַך= 2167
גרים' |...|". י. טשערניאַק. ~~יש יידישפ~~ XXII - 3. (פּוּ 90)

297 - ג'ז

ג ע ז ע צ ל אָ ז – אדי/אדוו. (דטשמ, נא)

אומגעזעצלעך.

|| געזעצלאַ‏זיקייט – די, בא. (דטשמ, נא)

אומגעזעצלעכקייט.

297/1 געז - [redacted].

154

ג ע ז ע צ ל ע ך - אַדי/אַדוו. אין הסכם מיטן געזעץ,
לעגאַל.% געזעצלעכע טראַנזאַקציעס. זײַן אַרײַנפֿאַר
אין לאַנד איז געזעצלעך, מיט אַ גילטיקער וויזע.

1865 " ייִדן מעכאַניקער, בראַנפֿן=ברענער, בירברײַער
2052 און בכלל מײַסטערס |...| איז ערלויבט צו וווינען
אויף געזעצלעכע פּאַספּאָרטן |...| אויסער דעם קרײַז
וואָס איז באַשטימט צום באַשטענדיקן זיצן פֿאַר ייִדן".
~~צ' קמ~~, נ' 30, ז' 457. פ/י 177

1911 " דאָס עסטרײַכישע רעכט אָנערקענט נאָר דעמאָלט
2053 אַ ייִדישע עהע |=חתונה| פֿאַר געזעצלעך, ווען
זי איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן נאָך די פֿאַרשריפֿטן |...|".
מ. רינגעל, ~~זב יודישער קאַלענדאַר~~ פאַ 79 .

1948 "די שטוב, וואָס איז געווען איבערגעשריבן
א/2053 אויף סרולי גאַלס נאָמען, האָט דער געריכט געפֿונען
פֿאַר אַ געזעצלעכער קניה". נסתר, 6, 203.

|| גע<u>זעצלעכקייט</u> - <u>די, בא.</u> אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געזעצלעך.

1951 " נאָך דעם ווי דאָס ייִדישע מיניסטעריום |אין ליטע| איז ליקווידירט געוואָרן, האָט דער פּרעמיער= מיניסטער אַרײַנגעטראָגן אין סיים אַן אָנפֿראַגע וועגן דער <u>געזעצלעכקייט</u> פֿון ייִדישן נאַציאָנאַל- ראַט". <u>~~זב ליטע, 1~~, 145.</u> 2185

פּור 106

|| <u>געזעצלעך קינד</u> - 1. אַ קינד געבוירן פֿון עלטערן וואָס האָבן אָפֿיציעל (געזעצלעך) חתונה געהאַט.

2. (<u>פֿיג</u>) עפּעס וואָס מע נעמט עס אַן פֿאַר אייגנס, נאַענטס.

1927 " |...| דער קורצזיכטיקער ייִדישיזם, וואָס האָט געוואָלט אַדאַפּטירן דעם טעאַטער און מאַכן אים פֿאַר זײַן <u>געזעצלעך קינד</u>" . <u>מוקדוני, 1, 28.</u> 2178

299 - גיז

געז - [redacted].

ג ע ז ע צ מ אַ ס י ק – אַדי/אַדוו. (שנש)

דזוו געזעצמעסיק/געזעציק.

1974 " די חלוצישע באַוועגונג ווי אַ מאַסן=באַוועגונג

האָט אַנטוויקלט אַן אימאַנענטע געזעצמאַסיקע 2190

דינאַמיק". אָפּענהײם, 1, 233.

300 - 5ﬞ

ג ע ז ע צ מ ע ס י ק – אדי/אדוו. פּפּ (שנש)

גע**ז**עצמאסיק, געזעציק. וואָס געשעט, קומט פֿאָר

קאָנסעקווענט, לויט באַשטימטע געזעצן, נאָרמעס.

% געזעצמעסיקע אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אַ געזעצמעסיקער היסטאָרישער פּראָצעס.

|| געזעצמעסיקייט – די, =ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצב

פֿון זײַן געזעצמעסיק.

1912 " די געזעצמעסיקייט איז אָבער אַ פֿאַקט, וואָס קאָן

2195 ניט געלייקנט ווערן |...|". זשיטלאָווסקי, 3, 29.

1948 " די געדאַנקען טראָגן אים פֿאָרויס |...| און

קאנק דערלאָזיקן אים ניט צו מער געזעצמעסיקן און סאָלידן

גאַנג". נסתר, 6, 227.

1951 " כמעט 80 פּראָצענט פֿון די רײַפֿע פֿרויען האָבן

2193 פֿאַרלאָרן די מאָנאַטלעכע, דאָס נאַטירלעכע שפּיל פֿון

האָרמאָנען און איר קערפּער האָט פֿאַרלאָרן די געזעצמעסיקייט

(כתב 106)

און ריטעם". א. פּערציקאָוויטש, ~~זב ליטע, 1~~, 1720.

ג ע ז ע ר ד - דער. בא. ראשי=תיבות פון

"געזעלשאפט פאר ערדארבעט", אן אינסטיטוציע וואס
האט געווירקט אין סאוויעטן=פארבאנד אין 1920–1930ער
יארן צו העלפן יידן אריבערגיין אויף ערדארבעט.

1928 " וועלן מיר גלייך ארט// פון שותפות פאר דיר
אפשפאקן,// דערצו נאך אין געזערד א וועקסל |...|". 2218
דאברושין, 1, 36.

1940 " ס'האט זיך געזעצט א שטראלעכל// אויף יאגנדיקן
פערד // און אזוי=א דורכגעריטן // פארביי גאניק פון 2216
געזערד". ה. קאמענעצקי, 1, 93.

| |
|---|
| רעד: אין נייטיק 13 דאזיקע פאזיציע? |

302 – גש״ב

ג ע ז ש אַ וו ע ר ט – פֿאַר פֿון זשאַווערן.

ג ע ז ש ו ז ש ע – דאָס, בא. |<u>סטוטש</u> 282|. דאָס

דויערנדיקע זשוזשען.

ג ע ז ש ו ז ש ע ט — פֿאַר פֿון זשוזשען.

ג ע ז ש ו י ב ט – פֿאר <u>פֿון</u> <u>זשויבן</u>.

?נ?     ג ע ז ש ו · י ע  –  **דאס, בא.**  דאָס דויערנדיקע זשו·יען.

ג ע ז ש ו ם - גער/דאס, בא. דאָס דויערניקע זשומען

אָדער דאָס זשומען פֿון אַ סך (מענטשן, בינען אע).

" ער קען ניט פֿאַרליידן דעם געזשום פֿון די 1977

ווייבער און קינדער". דאַבין, 1, 82. 2228

" וואָס זשע איז פּלוצע דורכגעפּלויגן מיט 1953

וואָכעדיק היימיש געזשום?". פֿרידמאַן, 1, 134. 2240

" אין געזשום פֿון קאָרידאָר און פֿון די דערבײַיקע 1970

צימערן נעמט ניקל פֿאַמעלעך אַ אונטערשיידן אַ 2237

באַזונדער שטים". קאַפּלאַן, 2, 244.

געזשומעניש - דאס, בא | טטוטש 281 |. דזוו געזשומען.

געזשומערײַ - דאס, בא. דזוו דפֿוו.

" ס'האָט זיך געהערט אַ געזשומערײַ פֿון לשון= 1944

קודשדיקע ווערטער". י.י. טרונק, 3, 157. קאנק

ג ע ז ש ו מ ז ש ע – <u>דאָס. בא.</u> |<u>סטוטש 282</u>|.

דאָס דויערנדיקע זשומזשען.

309 - [illegible]

ג ע ז ש ו מ ע ט - <u>פֿאַר</u> <u>פֿון</u> <u>זשומען</u>.

310 - 5ג

געזשורטשע - דאָס, בא. |סטוטש 282|.

דאָס דויערנדיקע זשורטשען.

311 - 

ג ע ז ש י פּ ע ט - פֿאַר פֿון זשיפּען.

312 - 545

ג ע ז ש ל י א ק ע ט - פאר פון זשליאקען.

313 – 57

ג ע ז ש מ ו ר ע ט – <u>פאַר פֿון</u> <u>זשמורען</u>.

314- 5ⁱ³ג

ג ע ז ש מ י ק ע ט - פאר פון זשמיקען.

ג ע ז ש ע ב ר ע ו ו ע ט - <u>פאר פון</u> <u>זשעברעוועז</u>.